# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך בידרמן** שליט"א

**ויחי**

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל

פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com

באקומט די גליונות וועכנטליך אין אייער אימעיל בחינם

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com

**ארה"ב:** Mechon Beer Emunah
1660 45th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**

2023 © כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגענע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## ויחי

לישועתך קויתי ה' - קיינמאָל נישט אויפהערן צו האָפן צום באַשעפער.........................ב
ויחי יעקב - אַ לעבן פיל מיט חיות דורך אמונה...........................................ו
מאשר שמנה לחמו - אַריינגיין אין יענעמ'ס שיך, און פאַרשטיין זיין געפיל ....................יא
ויהי למס עובד - דורך קביעת עיתים לתורה קען מען לעבן אפילו אין מצרים ...........................טז

סדר ועימוד:
**א.י.ש. אשדוד**
shwrtz@bezeqint.net

# ויחי

## לישועתך קויתי ה' - קיינמאָל נישט אויפהערן צו האָפן צום באַשעפער

**דן** ידין עמו וגו' לישועתך קויתי ה' (מט, טז-יח). זאָגט דער מדרש (ב"ר פצ"ח יד), אַז וויבאַלד יעקב אבינו ע"ה האָט געזעהן שמשון הגיבור, וואָס ער האָט געשטאַמט פון שבט דן, האָט ער געמיינט אַז שמשון איז דער מלך המשיח, אָבער ווען ער האָט געזעהן אַז שמשון איז געשטאָרבן האָט יעקב געזאָגט, לישועתך קויתי ה'.

**זאָגט** דער 'ישמח ישראל' (פרשתינו, אות ג) אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געזעהן מיט רוח הקודש וואָס עס וועט פאָרקומען אין אחרית הימים. ער האָט געזעהן אַלע צרות און יסורים וואָס זיינע קינדער וועלן מיטמאַכן, אָבער ווען ער האָט געזעהן שמשון הגיבור, האָט ער זיך געטרייסט, זאָגנדיג, אה, אָט איז ער, דער מלך המשיח, ער וועט אויסלייזן אידישע קינדער פון אַלע זייערע צרות און דרוק וואָס זיי גייען אַריבער רח"ל. אָבער ווען ער האָט געזעהן אַז אויך ער איז נפטר געוואָרן און עס איז איהם קלאָר געוואָרן אַז ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט פון 'קץ הימין' און פון דער גאולה שלימה, האָט ער נישט פאַרלוירן האָפענונג, נאָר ער האָט אויסגעשריגן, איך גלייב באמונה שלימה אַז דער אויבערשטער וויל גוטס פאַר אידישע קינדער, און ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט זיי אויסצולייזן, אָבער פונדעסטוועגן - לישועתך קויתי ה', איך האָף נאָך אַלץ צו דיר.

**שרייבט** דער 'ישמח ישראל' בזה הלשון: און פון דעם קענען מיר פאַרשטיין אַ לימוד אין עבודת ה', אלעמאל צו האָפן אויף די ישועה. לערן זיך פון יעקב אבינו ע"ה, ווען ער האָט געזעהן אַלע שווערע כוואַליעס און צרות וואָס וועלן אַריבערגיין אויף זיינע קינדער, ליידער יעדן טאָג איז ארגער ווי דער אַנדערער טאָג ח"ו, אָבער ווען ער האָט געזעהן שמשון האָט ער זיך געטרייסט און געמיינט אַז דאָס איז דער מלך המשיח, און אַז עס וועט זיין 'קץ שם לחושך', עס וועט קומען אַ סוף צו די פינצטערניש, און פונדעסטוועגן, ווען ער האָט געזעהן אַז אויך שמשון איז אַוועק פון דער וועלט האָט ער געזאָגט, לישועתך קויתי ה'! ער האָט זיך נישט מייאש געווען, אדרבה, ער האָט זיך געשטאַרקט מיט אַן אמת'ע התחזקות[א].

---

**א.** נאָך דער הסתלקות פון דעם גאון רבי משה קליערס זצ"ל אב"ד טבריא, איז דער גאון רבי אשר זאב ווערנער זצ"ל אויפגענומען געוואָרן אַלס ממלא מקום צו דינען אַלס רב פון טבריא. צוזאַמען דערמיט איז ער אויך באַשטימט געוואָרן אַלס ראש הכולל פון דעם כולל 'אור תורה', נעבן דעם ציון פון הייליגן תנא רבי מאיר בעל הנס.

ר' אשר פלעגט זייער מקפיד זיין צו באַצאָלן פאַר די יונגעלייט דאָס געהאַלט יעדן ראש חודש, 'בעתו ובזמנו'. איינמאָל אין דער נאַכט פון ראש חודש, האָט ר' אשר איינגעזעהן אַז ער האָט נאָך נישט קיין געלט צו באַצאָלן מאָרגן פאַר די יונגעלייט פון כולל, און ער איז - זעלבסט-פאַרשטענדליך - געווען דערפון זייער צובראָכן.

זיצנדיג אַזוי און טראַכטנדיג ווי אַזוי מ'גיט זיך דאָ אַן עצה, האָט ער איינגעדרימלט, און אָט חלומ'ט ער ווי דער רב, ר' משה קליערס ז"ל, באַווייזט זיך צו איהם אין חלום. האָט רבי אשר געפרעגט רבי משה'ן אין חלום: 'וואָס קען איך טוהן פאַר אייך?', און רבי משה האָט געענטפערט: 'מאַך מיר אַ קאַווע'... האָט רבי אשר איהם געמאַכט אַ קאַווע, אָבער רבי משה האָט איהם געזאָגט, 'דאָס הייסט נישט אַ קאַווע'... האָט ר' אשר צוגעגרייט אַ צווייטן גלאָז קאַווע, אָבער אויך אויף דעם האָט רבי משה קליערס איהם געזאָגט אין חלום: דאָס הייסט נישט אַ קאַווע... ווען ער האָט געוואָלט צוגרייטן נאָך אַ קאַווע פאַר רבי משה, איז רבי משה פאַרשוואונדן, און מער האָט ער איהם נישט געזעהן... האָט רבי אשר פאַרשטאַנען דערפון, אַז רבי משה האָט איהם געוואָלט מרמז זיין (אַוודאי האָט ער נישט געדאַרפט אַ קאַווע...) אַז אויב ער איז אַזוי באַזאָרגט איבער דעם געלט וואָס ער דאַרף מאָרגן האָבן פאַרדי כולל יונגעלייט, איז אַ סימן אַז ער האָט נישט דעם ריכטיגן בטחון. אויב ער וואָלט געהאַט שטאַרקע האָפענונג צום באַשעפער, וואָלט ער דאָך געווען רואיג און ער וואָלט געקענט שלאָפן... האָט רבי אשר זיך געשטאַרקט מיט בטחון, און האָט זיך געלייגט שלאָפן, זיך פאַרלאָזנדיג אַז דער אויבערשטער וועט איהם שוין צושיקן געלט צו טיילן פאַר די יונגעלייט פון כולל.

פונקט אַזוי, ווען עס שטאַרקן זיך די דינים ח"ו אויפ'ן מענטש רח"ל, און די צרות זענען אַזוי גרויס אַז מ'קען שוין מער נישט אויסהאַלטן ח"ו, טראַכט ער ביי זיך אין האַרץ אַז עס איז שוין גענוג געווען, און יעצט איז שוין צייט פון די ישועה, ועת צרה היא ליעקב וממנה יוושע, און פונדעסטוועגן, אויב צו זיין ווייטאָג טוהען זיך די יסורים נאָך אלס שטאַרקן ח"ו זאָל ער זיך נישט מתרעם זיין, און אַוודאי נישט אַריינפאַלן אין יאוש ח"ו, נאָר 'יקוה ויחזור ויקוה' - ער זאָל האָפן צום באַשעפער, און ווידעראַמאָל האָפן, און ער זאָל זיך שטאַרקן מיט'ן אויבערשטען[ב], ווייל 'חסדי ה' לא תמנו'.

לויט דעם, טייטשט דער 'ישמח ישראל' די ווערטער פון מדרש ווייטער, 'הכל בקיווי, יסורים בקיווי' - אַלעס איז מיט האָפענונג, די יסורים זענען מיט האפענונג, דאָס הייסט, אפילו ביי זיך אין האַרץ איז ער געווען זיכער אַז פון די גרויסע יסורים רח"ל וועט דער אויבערשטער איהם שיקן זיין הילף, און זיין רפואה איז נאָנט צו קומען, אבער ליידער, האָט ער נאָך נישט זוכה געווען צו דעם, פונדעסטוועגן וועט ער שטאַרקן זיין האַרץ[ג], און האָפן צו דעם אויבערשטען[ד], ווי חז"ל זאָגן (ברכות לב:) 'קוה וחזור וקוה' - דו זאָלסט האָפן, און נאָך אַמאָל האָפן[ה].

---

צומאָרגנס, ראש חודש אינדערפרי, איז דער נייער רב, ר' אשר זאב, געגאַנגען אין באַנק, טראַכטנדיג ביי זיך, אפשר וועט זיך עפענען עפּעס אַ טירל... אויפ'ן וועג האָט ער באַגעגנט אַ שטאַטישן איינוואוינער, אַ סוחר, וועלכער האָט איהם געפרעגט: אפשר האָט דער רב וואָס צו טוהן מיט צוויי טויזנט פונט וואָס איך האָב יעצט ביי מיר, און איך דאַרף עס נישט האָבן יעצט... אויב דער כולל דאַרף האָבן דאָס געלט, קענט איר פון מיר נעמען יעצט דאָס געלט, און ווען איך וועל עס דאַרפן האָבן, וועלן מיר דעמאָלס שמועסן... (ספר 'מאד נעלה', ע' קמד).

**ב.** דער מונקאַטשער רב, הרה"ק בעל 'מנחת אלעזר' זי"ע, פלעגט דערציילן אַ מעשה, יעדעס מאָל ווען ער איז געגאַנגען אויף אַ ביקור חולים, ווי פאָלגענד:

דער הייליגער באַרדיטשובער רב זי"ע איז אַמאָל געווען זייער נישט געזונט ל"ע און זיין לעבן האָט זיך געפונען אין אַ געפאַר. אינדרויסן פון זיין צימער זענען זיינע תלמידים געזעסן און געזאָגט תהלים פאַר אַ רפואה פאַר זייער הייליגן רבי'ן. פלוצלינג האָבן זיי געהערט אַ שטאַרקן זעץ פונעם צימער וואו דער באַרדיטשובער איז געלעגן על ערש דוי ל"ע. זענען זיי שנעל אַריינגעלאָפן אין צימער, און געטראָפן דעם רבי'ן ליגן אויף דער ערד. זיי האָבן איהם שנעל אויפגעהויבן, און איהם צוריק אַרויפגעלייגט אויפ'ן בעט. עטליכע שעה שפּעטער, האָבן זיי געהערט ווי דער הייליגער באַרדיטשובער רב רופט זיי פון צימער. אַריינקומענדיג האָבן זיי געזעהן אַז ס'איז איהם בעסער געוואָרן, און ער האָט זיי געבעטן אַ גלאָז וואַרימס צו טרינקען. אַ קורצע צייט שפּעטער איז דער באַרדיטשובער רב שוין אַרומגעגאַנגען כאחד האדם, און ער האָט מסביר געווען פאַר די תלמידים, אַז ווען ער איז געלעגן אין בעט, האָט ער זיך דערמאנט אין אַ וואָרט פון זיין רבי'ן דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זי"ע, אויפ'ן פסוק (תהלים לב, י) 'והבוטח בה' חסד יסובבנו'. דוד המלך ע"ה גיט אונז דאָ נישט אַ סגולה, און נישט אַ ברכה, און אויך נישט אַ הבטחה, נאָר ס'איז א ווירקליכקייט, עס איז איינגעבויט אין די טבע, אַז "והבוטח בה' חסד יסובבנו'... דער וואָס פאַרלאָזט זיך אויפ'ן באַשעפער, טוט חסד איהם אַרומנעמען. און אַזוי האָב איך מיך געשטאַרקט אין בטחון און איך האָב אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין פון בעט, ווייל עס איז דאָך אַ 'דרך הטבע' אַז דער חסד זאָל מיך אַרומנעמען... איך בין אָבער תיכף אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, ביז עטס האָטס מיך צוריק אַרויפגעלייגט אויפ'ן בעט. האָב איך דאַן געטראַכט ביי זיך, אַז מיין פאַלן איז אַ באַווייז, אַז איך בין נאָך נישט אָנגעקומען צו שלימות אין דער מידה פון בטחון, און דעריבער האָב איך זיך נאָך מער פאַרטיפט אין דעם ענין פון בטחון אין דעם אויבערשטען, ביז עס האָט פּאַסירט מיט מיר דער נס און כ'בין ברוך השם אַרויס געזונט און שטאַרק, בבריות גופא ונהורא מעליא.

**ג.** הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע פלעגט זאָגן (געברענגט אין ספר 'תורת אבות', דרכים בעבודת הבורא, אות רט), אַ איד איז מחויב צו גלייבן אַז 'קץ שם לחושך', דאָס פינצטערניש וועט אריבערגיין, און אויף זיין אָרט וועט קומען די לעכטיגקייט.

אויך האָט ער געטייטשט, 'האמנתי כי אדבר אני עניתי מאד' (תהלים קטז, י), אַ איד דאַרף גלייבן אַז 'כי אדבר' - איך וועל נאָך אַמאָל דערציילן, אין די גוטע צייטן וואָס דער אויבערשטער וועט מיר נאָך געבן, 'אני עניתי מאוד' - אַז כ'בין אַמאָל געווען אָרים... ווייל אין אַ צייט ווען דער מענטש געפינט זיך אין אַ קלעם, דאַרף ער גלייבן אַז

עס וועלן נאָך קומען גוטע און פרייליכע צייטן, און ער וועט דעמאָלס קענען דערציילן וועגן די יעצטיגע יסורים אַלס יסורים פונעם עבר, און ער וועט קענען דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר זיין ישועה, עכ"ל. ('תורת אבות', אמונה ובטחון, מב)

אַזוי האָט געזאָגט הגה"צ רבי נתן מאיר וואכטפויגל זצ"ל ('קובץ שיחות', ח"א, נז), דער משגיח פון דער לעיקוואודער ישיבה 'בית מדרש גבוה', אין נאָמען פון הגה"ק בעל 'חפץ חיים' זי"ע, אַז ווען מ'פרעגט דעם מענטש ביים בית דין של מעלה (שבת לא.) 'ציפית לישועה' – האָסטו געהאָפט אויף די ישועה, מיינט מען נישט דערמיט דווקא די ישועה פונעם כלל, אויב ער האָט געהאָפט און אַרויסגעקוקט אויף די ישועה פון די גאולה שלימה, נאָר מ'וועט אויך פרעגן יעדן איינעם איבער זיינע פּרטיות'דיגע ענינים, צי ער האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקן בטחון אין דעם באַשעפער, און צי ער האָט טאַקע צו יעדער צייט געהאָפט אויף אַ ישועה.

עס איז באַקאַנט די מעשה, אַ פשוט'ער תמימות'דיגער איד האָט געהערט דברי חיזוק פון זיין רבי'ן, וועגן די גרויסקייט פון בטחון (טייל זאָגן אַז דער רבי איז געווען הגאון רבי ישראל סאַלאַנטער זצ"ל). צווישן אַנדערע, האָט דער רבי געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס האָט באמת בטחון אין דעם אויבערשטען, ווערן אַלע זיינע פאַרלאַנגען און באַדערפענישן אַוודאי ערפילט, אויף אַזוי ווייט, אַז ער קען אַפילו קויפן אַ 'לאָטערי', און ער וועט זיכער געווינען.

דעם רבי'נ'ס ווערטער וועגן בטחון, האָבן גוט אַריינגעדרינגען אין האַרץ פונעם פּשוט'ן איד, און ער האָט געקויפט אַ 'לאָטאָ' צעטל, וואו מ'קען געווינען 100 טויזנט רובל. ווען ער האָט דערציילט וועגן דעם פאַר זיין רבי'ן, האָט דער רבי איהם געפרעגט, אויב ער איז גרייט איהם צו פאַרקויפן דעם 'לאָטאָ', וואָס האָט איהם געקאָסט בלויז עטליכע רובל, פאַר דרייסיג טויזנט רובל... איז דער איד אַרויפגעשפּרינגען אויף דער 'מציאה', און האָט איינגעשטימט אויפ'ן געשעפט מיט'ן גאַנצן האַרץ: איז עס דען אַ קלייניגקייט, צו פאַרדינען 30 טויזנט רובל מיטאַמאָל אַלס אַ זיכערער געווינס, ווי צו וואַרטן אויף אַ ספק, אפשר וועט מען פאַרדינען 100 טויזנט... האָט דער רבי איהם געזאָגט:

- ווי עס ווייזט אויס, ביזטו נישט פאַרזיכערט אויפ'ן אויבערשטען מיט'ן גאַנצן האַרץ. אויב דו וואָלסט געווען זיכער אַז דו וועסט געווינען דעם 'לאָטערי' צעטל מיט 100 טויזנט רובל, וואָלסטו נישט געווען גרייט עס צו פאַרקויפן פאַר מיר, אַפילו פאַר 99 פאַר טויזנט רובל... שוין אָפּגערעדט פאַר 30 טויזנט... וועלכער שוטה איז דען גרייט צו 'פאַרלירן' אַפילו איין רובל אומזיסט...

**ד.** עס ווערט דערציילט ('תורת אבות', מעשי אבות, אות קלה) אַז הרה"ק רבי משה קאָברינער זי"ע, האָט אַמאָל געזעהן ווי אַ איד איז זייער טרויעריג, און ער האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער איז אַזוי צוגעלייגט. האָט דער איד פאַר איהם אָפּגעשילדערט זיין ביטערן מצב. האָט דער קאָברינער איהם געזאָגט: 'ווען אַ איד געפינט זיך אין אַ קלעם, דאַרף ער זאָגן 'לישועתך קויתי ה'...'. אויב זיין מצב איז נאָך ערגער, זאָל ער זאָגן 'קויתי ה' לישועתך'. און אויב זיין מצב איז נאָך ערגער, זאָל ער זאָגן 'ה' לישועתך קויתי'...

די כוונה אין דעם איז, לויט ווי עס איז באַקאַנט פון ספרים, אַז וואָס מער דער מענטש האָפט צום אויבערשטען, ווערט ער נענטער צו איהם. דעריבער, איז דעם אויבערשטען'ס נאָמען, געשריבן געוואָרן דאָס ערשטע מאָל, אַלס דריטער וואָרט ('לישועתך קויתי ה''), ביים צווייטן מאָל - דאָס צווייטע וואָרט ('קויתי ה' לישועתך'), און דאָס דריטע מאָל, איז דעם אויבערשטען'ס נאָמען שוין געשטעלט געוואָרן באַלד אין אָנהייב (ספר 'אזנים לתורה', ואתחנן, ד"ה 'כה'), און וויבאַלד זיין נאָנטקייט צום אויבערשטען ברוך הוא איז גרויס, איז ער ממילא שטאַרק אין די מדה פון בטחון, און ממילא איז נאָנט זיין ישועה.

עס ווערט געברענגט אויף נאָך אַן אופן, אַ טעם פאַרוואָס מען זאָגט דריי מאָל דעם פסוק, און מ'דרייט איבער דעם סדר, לישועתך קויתי ה', קויתי ה' לישועתך, ה' לישועתך קויתי. מ'זאָגט צו דעם מענטש, ווי אַזוי דו וועסט נאָר פּרובירן 'דרייען', און אין וועלכער זייט דו וועסט זיך ווענדן, ביזטו נאָך אַלץ אָנגעוויזן אויף די ישועה פון דעם אויבערשטען, און אויף זיינע חסדים.

הרה"ק רבי בעריש ביאַלער זי"ע האָט געזאָגט אויפ'ן פסוק (ישעיה מד, ו) 'כה אמר ה' מלך ישראל וגואלו ה' צבקות, אני ראשון ואני אחרון, ומבלעדי אין אלוקים'. עס איז דאָ אַ מענטש וואָס ביי איהם איז דער אויבערשטער אין דער בחינה פון 'אני ראשון', באַלד ביים אָנהייב פון דער זאַך זעהט ער איין, און ער פאַרשטייט אַז אָן דעם אויבערשטען ווערט גאָרנישט געטוהן אויף דער וועלט. ממילא, טוט ער זיך גלייך ווענדן צו דעם באַשעפער נאָך הילף. פון דער צווייטער זייט, איז דאָ אַ מענטש וואָס האַלט זיך פאַר אַ 'חכם' און מוצלח, עס דאַכט זיך איהם

**דער** הייליגער רמח"ל ז"ל גיבט אונז צו פאַרשטיין (דרוש בענין הקיווי), וואָס עס מיינט לישועתך קויתי ה': אַז דער כח און חשיבות פון האָפן צום אויבערשטען, איז אַזוי גרויס, אַזש אַז 'אַפילו נכנס בגיהנם יוצא ממנו' - אַפילו אויב ער איז אַריינגעגאַנגען אין גיהנום גייט ער אַרויס פון דאָרט. (ער לערנט עס פון דעם פסוק (ישעיה מ, לא) 'וקוי ה' יחליפו כח יעלו אבר כנשרים', אַז דורך אמונה וועט מען איהם אַרויסנעמען פונעם שאול תחתיות.) **און דער** סיבה דערצו איז, ווייבאַלד עס קומען אַסאַך מלאכים פון הימל און הייבן איהם אויף, זיי גייען אַרויף מיט איהם ביז צו אַ גאָר הויכן אָרט (העכער פונעם גיהנום), און דאַן איז ער אין אַ הויכע מדריגה, וואָס עס פאַסירט

---

אַז ער קען זיך אַליין אַן עצה געבן... צום סוף ווערט ער אָבער געוואויר, אַז ווען נישט די הילף פון דעם אויבערשטען, קען ער נישט רירן אַפילו מיט אַ פינגער, און ממילא 'דערמאַנט ער זיך' צום סוף זיך צו ווענדן צום אויבערשטען. ביי אַזאַ איינעם, איז דער אויבערשטער אין גדר פון 'אני אחרון'... אויף דעם זאָגט דער אויבערשטער: ווייבאַלד 'ומבלעדי אין אלוקים', און עס איז נישט דאָ קיין שום כוח אויף דער וועלט אָן דעם אויבערשטען, ממילא, איז דען נישט בעסער אַז דו זאָלסט שוין באַלד לכתחילה זיך ווענדן צו מיר...?

אויך זאָגט די וועלט אַ ווערטל, די מענטשן וואָס דרייען זיך און אַרום, און 'דרייען' טאָג און נאַכט מיט'ן געלט, זאָגט מען זיי, אנשטאָט דרייען מיט געלט, דריי מיט דעם פסוק לישועתך קויתי ה'... דאַן וועסטו בעסער אָנקומען...

אויך קען מען זאָגן אַ טעם פאַרוואָס מען זאָגט דעם פסוק לישועתך קויתי ה' דריי מאָל, און מיט אַ פאַרקערטן סדר, צו לערנען דעם מענטש וואָס ער געפינט זיך אין אַ צער און אין אַ קלעם, אפי' אויב דו זעהסט נישט אַ טירל פאַר די ישועה, זאָלסטו וויסן אַז די ישועה פון הימל קען קומען פון איין זייט, אָדער פון אַן אַנדערער זייט, און אַפילו פון אַ דריטע זייט...

וועט דער מענטש פרעגן: פאַר מיין ישועה, דאַרף מען איבערדרייען די 'סדרי בראשית', און איבערקערן די וועלט?!... איז דער תירוץ, יאָ, אַזוי וועט זיין, ווי הרה"ק רבי פנחס'ל קאָריצער זי"ע האָט געזאָגט, אַז דער מענטש וואָס לעבט מיט אמונה, און ער פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף דעם אויבערשטען, העלפט איהם דער אויבערשטער אויף אַן אופן וואָס עס קען נישט אַפילו קומען אויפ'ן געדאַנק פונעם מענטש.

לויט דעם קען מען אויך ערקלערן דעם מנהג פון די וואָס פירן זיך צו זאָגן אויך די ווערטער פונעם תרגום אויפ'ן פסוק לישועתך קויתי ה', 'לפורקנך סברית ה', סברית ה' לפורקנך, ה' לפורקנך סברית'. מ'וויל מרמז זיין, אַז די ישועה קען קומען פון 'פאָרנט', און פון 'אונטן', און אַפילו אויף אַ שפּראַך וואָס מ'פאַרשטייט נישט... ממילא, האָסטו נישט וואָס צו זיין באַזאָרגט און איבערגעשראָקן...

דער כלל איז, אַז דער מענטש דאַרף חזר'ן איינמאָל און נאָך אַמאָל דעם פסוק לישועתך קויתי ה', ביז עס ווערט איינגעוואָרצלט ביי איהם אין האַרץ, אַז אין יעדן מצב וואָס ער געפינט זיך, איז דאָ האָפענונג אויף אַ ישועה פון דעם אויבערשטען.

עס ווערט געברענגט (ספר הזכרון 'זכרון שלמה', להג"ר שלמה קאַליש זצ"ל, ע' תעו), אַז דער גאון רבי שלמה קאַליש זצ"ל (איידים פון דעם גאון בעל 'חלקת יואב' זצ"ל), איז אַמאָל געווען אין בריסק ביים גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל, און ביי שלש סעודות, האָט ער געהערט ווי רבי חיים בריסקער חזר'ט זיך מיט גרויס התלהבות אין משך פון צוואָנציג מינוט, דעם פסוק, לישועתך קויתי ה', קויתי ה' לישועתך, ה' לישועתך קויתי...

אַוודאי איז נישט גענוג בלויז צו זאָגן דעם פסוק, 'באמירה בעלמא'. עס איז נישט דאָ אַזאַ סגולה, אַרויסצוזאָגן דעם פסוק מיט'ן מויל, און נישט מער... נאָר מ'דאַרף אויך זאָגן 'לפורקנך סברית ה'', דאָס הייסט, 'איבערצוטייטשן' און אויפקלערן פאַר זיך אַליין דעם פסוק, אין יעדן אָרט וואו ער געפינט זיך, דאַרף ער האָפען אויף די ישועה פון דעם אויבערשטען, און ער זאָל עס חזר'ן און חזר'ן, ביז עס וועט זיין גוט 'איינגעקריצט' אין זיינע ביינער...

**ה.** די גמרא זאָגט (סנהדרין צז:) 'כלו כל הקיצין, ואין הדבר תלוי אלא בתשובה'. עס האָבן זיך שוין געענדיגט אַלע זמנים פון דעם קץ הגאולה, און יעצט, ווענדעט עס זיך נאָר אַז אידישע קינדער זאָלן תשובה טוהן.

זאָגט דער 'דברי ישראל' (אָנהייב היינטיגע פרשה): מקץ, ויגש, ויחי. 'ויהי מקץ', ווען אַ איד שטייט אין אַ מצב וואָס 'כלו כל הקיצין' חלילה, איז די עצה פאַר איהם: 'ויגש' - ער זאָל גענענען צו דעם אויבערשטען, דורך תשובה טוהן פאַר איהם, און דאַן וועט ביי איהם מקוים ווערן 'ויחי'...

נישט מיט איהם אַ פּגם, 'ותקותו היא טהרתו, מקוה ישראל ממש'[ו].

**זאָגט** ער ווייטער, אַז דער מענטש וואָס גלייבט און האָפט אויף דער ישועה פון דעם אויבערשטען, וועט זיך אומקערן צו זיין מקור, אַזוי ווי דער מענטש וואָס טוט תשובה, וואָס וועגן איהם שטייט אין פסוק (הושע יד, ב) 'שובה ישראל עד ה' אלוקיך'. און פּונקט ווי דער וואָס טוט תשובה, דערגרייכט 'עד ה' אלוקיך' ממש, אַזוי טוט דער מענטש וואָס האָפט, שפּאַלטן הימלען מיט זיין אמונה און האָפענונג, און ער מאַכט אַ לאָך און אַ שפּאַלט אַרויפצוגיין אונטער דעם כסא הכבוד. דאָס איז מרומז אין פסוק (בראשית מט, יח) 'לישועתך קויתי ה'', אַז דורך אמונה, איז דער מענטש זוכה זיך צו דערנענטערן און צו זיין דבוק אין דעם אויבערשטען.

**און** נישט נאָר דאָס, נאָר פּונקט אַזוי ווי ביי זיין לעבן האָט ער געהאָפט צו דעם אויבערשטען, אַזוי איז נאָך זיין אַוועקגיין פון דער וועלט ווען עס שטאַרקן זיך חלילה אויף איהם די דינים, שטאַרקט ער זיך מיט זיין האָפענונג ביז צו דעם אויבערשטען און ער וועט צוגעבונדן צו איהם, און ער ווערט נסתלק אין אַ רגע וכו', און אויך נאָכ'ן טויט ווערן די מענטשן וואָס האָפן, קיינמאָהל נישט פאַרשעמט.

**אַזוי** זאָגט דאָרט דער רמח"ל אויך לגבי דעם ענין פון תפילה, אַז דער אויבערשטער כביכול גייט אַראָפּ צו הערן די תפילה פונעם מויל פון דעם מענטש וואָס האָפט, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים מ, ב) 'קוה קויתי ה' ויט אלי וישמע שוועתי'. און אויף דעם זאָגט דער פּסוק, 'לישועתך קויתי ה'' - מיט דעם וואָס איך האָף, טוה איך מאַכן אַז דיין הילף זאָל קומען, און די מקטריגים קענען עס נישט אָפּהאַלטן'[ז].

### ויחי יעקב - אַ לעבן פיל מיט חיות דורך אמונה

**ויקרא** יעקב אל בניו ויאמר האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (מט, א). **זאָגט** אויף דעם די גמרא (פסחים נו.) אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געוואָלט מגלה זיין פאַר זיינע קינדער די צייט פון די

---

**ו.** מיר זאָגן יעדן טאָג, 3 מאָל א טאָג, ביי תפילת שמונה עשרה דער ברכה 'את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח וקרנו תרום בישועתך, כי לישועתך קוינו כל היום'. פרעגט דער חיד"א א מורא'דיגע קשיא ('אצבע קטנה'), וואָס פאַר אַ נתינת טעם איז עס, 'כי לישועתך קוינו כל היום'. ממה נפשך, אויב די אידן זענען ראוי געהאָלפן צו ווערן, פאַרוואָס דאַרף מען אָנקומען צו דעם טעם פון 'כי לישועתי קויני', זיי זענען דאָך סיי ווערד געהאָלפן צו ווערן? און אויב זיי זענען נישט ראוי צו די ישועה, וואָס פאַרדינען זיי פון דעם וואָס 'קוינו כל היום'?

ענטפערט דער חיד"א, אַז באמת איז דער מענטש מחויב צו האָפן און אַרויסקוקן אויף די ישועה, און די גמרא זאָגט (סנהדרין צז:) אַז דאָס אַלעס איז כדי מ'זאָל באַקומען שכר דערפאַר, ווי דער פסוק זאָגט (ישעיה ל, יח) 'אשרי כל חוכי לו'. און אויך דער מדרש זאָגט (ילקוט תהלים) אַז אַפילו אויב די אידן האָבן נישט אַן אַנדערן זכות נאָר דאָס וואָס זיי האָפן צום אויבערשטען, איז כדי זיי זאָלן אויסגעלייזט ווערן אין זכות פון האָפן, און אויף דעם זאָגט מען 'לישועתך קויתי ה'', אין זכות פון מיין האָפענונג, בין איך זוכה צו די ישועה.

און אויף דעם בעטן מיר יעדן טאָג: 'את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח', טאַטע זיסע, ברענג אונז שוין משיח בן דוד, אויסצולייזן די אידן פון גלות. איי, וועט מען זאָגן, מיר האָבן דאָך נישט קיין זכות? אויף דעם זאָגן מיר, 'כי לישועתך קוינו כל היום', און ס'איז גענוג די האָפענונג, אַז מיר זאָלן אין דעם זכות אויסגעלייזט ווערן פון גלות.

דער 'שערי תשובה' (סוף סי' קיח) ברענגט אין נאָמען פון מהר"י צמח, וואָס ער שרייבט אַז ביים זאָגן די ווערטער 'כי לישועתך קוינו כל היום', האָט ער אויך אין זינען, צו האָפן אויף די ישועה וואָס דער אויבערשטער טוט, אונז צו ראַטעווען פון די פילע שלעכטע פּגעים יעדן טאָג און יעדע סעקונדע, און עס איז שוין אַרויסגעקומען דעם אַ גרויסן נוצן פיל מאָל אין צייט פון אַ צרה ח"ו, עכ"ל.

**ז.** מיר האָבן געהערט פון הרב מענדל פּאָללאַק שליט"א פון בני ברק, אַ וואונדערליכע פּאַסירונג וואָס האָט פּאַסירט מיט זיין עלטער-מומע (די שוועסטער פון זיין זיידן, הרה"ח ר' אליעזר פריעדמאַן ע"ה פון בני ברק, וועלכער איז עטליכע יאָר צוריק נפטר געוואָרן אין עלטער פון 102 יאָר), מרס. מאַרקאָוויטש, אין די ביטערע יאָרן פון דער צווייטער וועלט מלחמה. ווען די דייטשע רשעים ימ"ש זענען אַריינגעקומען אין זייער שטאָט אין אונגאַרן, האָבן זיי דאָרט אַדורכגעפירט אַ 'סעלעקציע',

גאולה העתידה, און די שכינה האָט זיך אָפּגעטוהן פון איהם. האָט יעקב געזאָגט: איז מעגליך אַז ס'איז חלילה דאָ אַ פסול ביי מיר, אַזוי ווי ביי אברהם וואָס ישמעאל איז אַרויסגעקומען פון איהם, אָדער אַזוי ווי מיין פאָטער יצחק, פון וועמען ס'איז אַרויסגעקומען דער רשע עשו. האָבן די שבטים געזאָגט צו יעקב: שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד. פונקט אַזוי ווי דו האָסט אין הארצן נאָר איין-איינציגן באַשעפער, אַזוי האָבן מיר אין אונזערע הערצער, נאָר איין באַשעפער. דאַן האָט יעקב געזאָגט: 'ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד'.

**זאָגט** דער 'ישמח ישראל' (פרשתינו, אות ב, מכתי"ק) אַז מ'קען אפשר זאָגן אַ טעם פאַרוואָס די שכינה האָט זיך אָפּגעטוהן פון יעקב אבינו ע"ה, וויבאַלד יעקב האָט געוואָלט אַנטפּלעקן פאַר זיינע קינדער די צייט פון די גאולה, און דעמאָלס מוזן דאָך זיין 'חבלי משיח', ווייל אַזוי ווי פינצטערניש קומט ביפאר ווי די לעכטיגקייט, און די שאָלעכטס קומט פאַר די פרי, אַזוי אויך ביפאר די גאולה וועט זיין אַ פינצטערניש מיט די חבלי משיח. וועגן דעם האָט דער אויבערשטער אַוועקגענומען די שכינה פון יעקב אבינו ע"ה, ווען ער האָט געוואָלט אויסזאָגן די צייט פונעם קץ, כדי עס זאל זיין א לימוד פאַר אונז, אין שפּעטערדיגע דורות ווען עס שטאַרקט זיך אַ פינצטערניש אויף דער וועלט, און עס שיינט נישט מער אַן אור פון קדושה. אויף דעם האָבן די שבטים געזאָגט 'שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד'. דאָס הייסט, די שבטים האָבן געענטפערט פאַר יעקב, נישט מכח אַ פסול וואָס געפינט זיך אין זיי האָט די שכינה איהם פאַרלאָזט, נאָר כדי צו ווייזן פאַר זיינע קינדער אין 'עקבתא דמשיחא', אַז אפילו אויב עס וועט חלילה זיך אָפּטוהן פון זיי יעדע התגלות, עס וועט זיין אַ מצב פון אַ הסתרת פנים ח"ו, זאָלן זיי זיך שטאַרקן מיט אמונה שלימה, און זיי זאָלן גלייבן אַז סיי די פינצטערניש, סיי די לעכטיגקייט, וואָס איז מרמז אויף דין און אויף רחמים, איז פון דעם אויבערשטען ברוך הוא, און ער איז דער 'אחד יחיד ומיוחד', 'אין סוף', און 'אין תכלית'[ח].

---

וואו די אידן זענען געשטאַנען פאַר די מערדערישע נאַציס מיט אַ שרעקליכע פחד און מורא, נישט ווייסנדיג וואָס עס וועט זיין זייער גורל...

אין יענע מינוטן, איז די פרוי, מרס. מאַרקאָוויטש, געשטאַנען און זיך איינגע'חזר'ט איין מאָל און נאָך אַמאָל, די ווערטער לישועתך קויתי ה'... לישועתך קויתי ה'... דער רשע וואָס איז געווען זייער אויפזעהער ביי דער 'סעלעקציע', האָט געהערט אירע ווערטער, און וויבאַלד איר אויסשפּראַך און אַקצענט איז געווען ווי די אָרטיגע אונגארישע אידן, האָט זיך דאָס וואָרט 'קויתי' געהערט "קע-וויסי". אויף די אונגארישע שפראך, איז דער באַדייט פון דאָס וואָרט "קע-וויסי", 'ווער וועט מיך אַרויסנעמען און באַפרייען פון דאָ'...

דער רשע, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען לשון הקודש, האָט געטראַכט ביי זיך, אַז דאס קליין מיידעלע בעט זיך מערערע מאָל, די ווערטער 'ווער וועט מיך אַרויספירן פון דאָ', און ער האָט רחמנות באַקומען אויף איר, און זיך אָנגערופן צו איר, איים קויתיעהם'... וואָס האָט געמיינט, איך וועל דיך אַרויסנעמען פון דאָ. דאַן האָט ער איר געזאָגט: 'איך וועל זיך מאַכן גלייך ווי איך זעה נישט, הייב פיס און אַנטלויף פון דאָ ווי ווייט מעגליך'... זי האָט אַזוי געטוהן, דער גוי 'האָט נישט געזעהן' ווי זי אַנטלויפט 'כל עוד נשמתה באפה'... זי איז אָנגעקומען אין אַ גוי'שע וועשעריי, און האָט דאָרט געבעטן אַרבעט, און וואונדער איבער וואונדער: מ'האָט איר אָנגענומען צו דער אַרבעט... דאָרט האָט זי געאַרבעט ביז'ן סוף פון דער מלחמה, ווען זי איז געווען כמעט די איינציג'סטע פון איר גאַנצע משפחה, איבערצולעבן די מלחמה. נאָך די מלחמה האָט זי אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, און זוכה געווען אויפצושטעלן אַ משפחה לשם ולתפארת בלי עין הרע. אַלעס אין זכות פון די ווערטער 'לישועתך קויתי ה'', וואָס זי האָט זיך דעמאָלס גע'חזר'ט, און עס האָט איר אַרויסגעפירט פון אַ זיכערן טויט.

**ח.** די ספרים זאָגן אַ רמז אין דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (מט, יא) 'אוסרי לגפן עירה ולשורקה בני אתונו', אַז מ'איז זיך מתבונן אין דעם פשט פון דעם פסוק, זעהט מען אַז די לעצטע פיר אותיות (ביים סוף פון די ווערטער) ווייל 'עירה' איז טייטש 'עַיִר', און 'שורקה' איז בעצם אַ צווייגל וואָס ווערט גערופן 'שורק'. 'בני' איז פון שורש 'בן', און 'אתונו' איז פון שורש 'אתון' (אייזל). קומט אויס, אַז באמת וואָלט דער פסוק געדאַרפט זאָגן, 'עיר ולשורק בן אתון'.

והיה לעת ערב יהיה אור (זכריה יד, ז). אין זכות פון די שטאַרקע אמונה[ט], וועלן זיי זוכה זיין צו די גאולה שלימה און צום קץ הימין, במהרה בימינו אמן סלה וכו'.

**עס** שטייט אין ספה"ק 'שפת אמת' (פ' ויחי תרל"א, ד"ה 'אא"ז') אַז יעקב אבינו ע"ה האָט געוואָלט איבערגעבן פאַר זיינע קינדער, אַז אויך אין גלות געפינט זיך דער

---

באמת, זענען אָבער די פיר אותיות, די אותיות פון שם הוי' ברוך הוא. דאָס קומט אונז צו לערנען, אַז אדרבה, דייקא די פּאַסירונגען וואָס זעהען אויס אין אונזערע אויגן ווי 'איבעריג' - ווי ס'איז דער שטייגער פון מענטשן צו טראַכטן אויף אַ נישט גוטע זאַך וואָס פּאַסירט מיט זיי ח"ו, פאַרוואָס האָב איך געדאַרפט גיין אַהין צו יענעם אָרט? זעה נאָר וואָס עס האָט צוליב דעם פּאַסירט מיט מיר, און ענליכע געדאַנקען. מיר דאַרפן אָבער גוט געדענקען, אַז קיין זאַך פּאַסירט נישט אויף דער וועלט פון זיך אַליין. אַלעס איז מיט אַ חשבון און אַ סיבה פון הימל. צוליב דעם ווערט דייקא דורך די 'איבעריגע' אותיות, פאַרטיג דער צירוף פון הייליגן שם הוי' ב"ה, צו גלייבן און וויסן אַז אויך די אַלע זאַכן זענען פון דעם אויבערשטען.

**ט.** דער טשאָרטקוב'ער רבי, הרה"ק רבי דוד משה זי"ע, האָט דערציילט (געברענגט אין ספר 'רבי מאיר אומר', להגאון רבי מאיר שפירא זצ"ל אב"ד ור"מ לובלין), אַז הרה"ק רבי אהרן טיטוב'ער זי"ע, אַן אייניקל פון דעם בעל שם טוב הקדוש זי"ע, איז אין אָנהייב געווען באַהאַלטן פון מענטשן. מ'האָט פשוט נישט געוואוסט פון זיין גרויסקייט, און אַזוי האָט ער און זיינע בני בית, געלעבט אין שרעקליכע אָרימקייט.

איינמאַל, ווען דאָס אָרימקייט איז שוין געווען ממש אומדערטרעגליך, און ער האָט שוין מער נישט געקענט צוקוקן דעם צער פון זיין הויז-געזינד, די רעביצין און די קינדער, וועלכע זענען 'איינגעהילט' אין הונגער כפשוטו, האָט ער נאָך מעריב, זיך געוואָנדן צו די אידן אין שול און געזאָגט: היתכן, עס וואוינט צווישן אייך אַן אייניקל פון דעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, און ער האַנדלט נישט, און קיינער זאָרגט זיך נישט פאַר איהם צו פרעגן, 'מהיכן ירק זה חי'? קיינער העלפט מיר נישט אין מיין שווערער צייט...

זיינע ווייטיגליכע ווערטער, 'דברים היוצאים מן הלב', האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף אַלע מתפללים. עס איז געוואָרן אַ טומל אין שול, און די אָנוועזענדע האָבן אויפ'ן אָרט באַשטימט אַן אופן ווי אַזוי צו העלפן רבי אהרן'ען, ער זאָל האָבן פון וואו צו לעבן צוזאַמען מיט די משפחה.

ווען דער עולם איז אַהיים געגאַנגען, האָט רבי אהרן זיך מיישב געווען וואָס ער האָט דאָ געטוהן. ער האָט חרטה באַקומען אויף דעם וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזט אויף מענטשן, בשר ודם, און אַז ער האָט אפגעלאָזט זיין דרך זיך צו פאַרלאָזן, נאָר אויף דעם אויבערשטען אליין. אַ גאַנצע נאַכט, האָט ער זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר'ן באַשעפער אין אַ יאָמערליכן געוויין, און געבעטן דעם אויבערשטען, אַז דער עולם וואָס האָט געהערט זיין בקשה, זאָל פשוט 'פאַרגעסן' אַלעס וואָס מ'האָט דאָ געשמועסט...

לויט דעם, האָט דער טשאָרטקובער רבי זי"ע געטייטשט די ווערטער פון מדרש (ב"ר פט, ג) אויפ'ן פסוק (תהלים מ, ה) 'אשרי הגבר אשר שם ה' מבטחו ולא פנה אל רהבים ושטי כזב'. 'אשרי הגבר אשר שם ה' מבטחו', מיינט מען יוסף הצדיק. 'ולא פנה אל רהבים' - דורך דעם וואָס יוסף האָט זיך געוואָנדן צו דעם שר המשקים אַז ער זאָל איהם געדענקען און איהם דערמאַנען פאַר פרעה צום גוטן, האָט מען איהם צוגעגעבן צו שמאַכטן נאָך צוויי יאָר אין תפיסה. לכאורה איז שווער, אויב יוסף האָט זיך געוואָנדן צום שר המשקים אַז ער זאָל איהם געדענקען און דערמאַנען, איז דאָך משמע אַז עס האָט איהם חלילה געפעלט אין די מדה פון בטחון, און וועגן דעם האָט מען איהם צוגעגעבן צוויי יאָר אין טורמע. אויב אַזוי, פאַרוואָס באַצייכנט איהם דער מדרש פריער, אַלס איינער וואָס 'שם ה' מבטחו'?

נאָר וואָס דען - האָט דער טשאָרטקובער רבי געזאָגט, לויט די אויבן-דערמאַנטע מעשה מיט רבי אהרן טיטוב'ער - נאָך דעם ווי יוסף האָט געבעטן הילף פונעם שר המשקים, האָט ער חרטה באַקומען דערויף און געבעטן דעם אויבערשטען, אַז דער שר המשקים זאָל פאַרגעסן זיין הבטחה איהם צו דערמאַנען, יוסף'ן, לטובה ביי פרעה. אויף דעם זאָגט דער פסוק: 'ולא זכר שר המשקים את יוסף' דער שר המשקים האָט טאַקע נישט געדענקט יוסף'ן, איהם צו דערמאַנען פאַר פרעה, ווייל 'וישכחהו' - יוסף האָט איהם (דעם שר המשקים) געמאַכט פאַרגעסן פון איהם... (לויט דעם, לייענט זיך דאָס וואָרט 'וישכחהו', אַזוי ווי עס וואָלט געשטאַנען 'וישכיחהו'...). און אָט דאָס איז טאַקע די גרעסטע מדריגה פון בטחון, און וועגן דעם זאָגן חז"ל אַז דער פסוק 'אשרי הגבר אשר שם ה' מבטחו' גייט אַרויף אויף יוסף.

אויבערשטער, און אַלעס איז פון זיין כח, נאָר אַלעס איז באַהאַלטן. אויב זיי וואָלן משיג געווען די ידיעה, וואָלט בטל געוואָרן פון זיי די גזירה פון גלות, ווייל אויב מ'זעהט דעם אויבערשטען אין יעדן אָרט, איז עס דאָך נישט אין גלות. אויב דער מענטש ווייסט אַז עס איז נישט מער ווי אַ הסתר און העלם, ווערן באַלד בטל אַלע דינים און הסתרים, און עס ווערט אַנטפּלעקט דער אור פון דעם באַשעפער. ווענן דעם האָט די שכינה דעמאָלס זיך אָפּגעטוהן פון יעקב אבינו ע"ה, ווייל עס איז דער רצון פון דעם אויבערשטען אַז די אידן זאָלן זיין אין גלות.

**עס** שטייט אָבער אין זוהר הקדוש (ח"א רלד:) אַז באמת האָט יעקב יאָ אַנטפּלעקט וואָס ער האָט געוואָלט אַנטפּלעקן פאַר זיינע קינדער, נאָר ער האָט עס באַהאַלטן ברמז אין זיינע ווערטער.

**זאָגט** אויף דעם, דער 'שפת אמת': און פונדעסטוועגן, דורך די אמונה וואָס אידן גלייבן אַז עס איז נישט דאָ קיין כח אויף דער וועלט, אויסער דעם כח פון דעם באַשעפער, נאָר אַלעס איז באַהאַלטן. כאָטש מ'זעהט עס נישט אָפען מיט'ן אויג, אָבער דורך אמונה קען מען זעהן דעם אמת, עכ"ל.

**דאָס** הייסט, דורך דעם וואָס דער מענטש שטאַרקט זיך מיט אַ ריינע אמונה אַז אַלעס איז פון הימל, ווערט נתגלה דער קץ, און עס ווערט בטל דער גאַנצער ענין פון גלות.

**אַזוי** שרייבט דער 'תולדות יעקב יוסף' (פרשתינו, אות ג) אויפ'ן פסוק (מז, כח) 'ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה'. עס איז באַקאַנט אַז 'יעקב' איז מרמז אויף שפלות און קטנות, און 'ארץ מצרים' איז מרמז אויף דחקות און ענגשאַפט. דאָס מיינט, אַז דאָ איז מרומז אין פסוק אַ דאָפּלטע ירידה - "יעקב בארץ מצרים". אויב אַזוי, וועט אַ מענטש פרעגן: קען מען דאָס אָנרופן 'געלעבט' - 'ויחי יעקב'?! אויף דעם געבט דער פסוק אַליין אַן ענטפער: 'שבע עשרה שנה'. זיבעצן, איז דאָך בגימטריא 'טוב'. דאָס הייסט, וויבאַלד יעקב האָט אָנגענומען מיט ליבשאַפט דעם באַשעפער'ס הנהגה מיט איהם, סיי ווען ער איז געווען אין דער בחינה פון 'יעקב' (שפלות), און סיי 'מצרים' (ענגשאַפט). ער האָט אַלעס אָנגענומען גוט, און צוליב דעם איז אַלעס איבערגעדרייט געוואָרן פאַר איהם צום גוטן.

**ענליכע** ווערטער, שרייבט דער 'אזור אליהו' (להגה"צ רבי אליהו לערמאַן זצ"ל אב"ד וויסקיט, אַ תלמיד פון קאָצקער רבי'ן זי"ע), נאָר ער טייטשט דעם פסוק, 'ויחי יעקב' - יעקב האָט אַריינגעברענגט אַ חיות אויך אין 'ארץ מצרים'. ער האָט ממתיק געווען די דינים אין

---

אַוודאי פאָדערט נישט דער אויבערשטער פון קליינע מענטשעלעך אַזוי ווי מיר זענען, צו האָבן בטחון אין דעם אויבערשטען אויף אַזאַ אופן, אַז מ'זאָל מתפלל זיין אַז אַלע מענטשן זאָלן פאַרגעסן פון אונז, און קיינער זאָל אונז נישט שטיין צו-הילף... אָבער וואָס מ'פאַרלאַנגט יאָ פון אונז איז, מיר זאָלן נישט נאָכלויפן מענטשן און זיך פאַרלאָזן אַז נאָר זיי קענען אונז העלפן, נאָר מ'זאָל געדענקען אַז נאָר דער אויבערשטער איז דער באַשעפער וואָס העלפט, און מ'זאָל אויפהייבן די אויגן נאָר צו איהם.

**י.** הרה"ק בעל 'תולדות יעקב יוסף' זי"ע האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פון האַרצן פאַר הרה"ק רבי מענדעלע וויטעבסקער זי"ע, איבער די מיאוס'ע מדה פון כעס, און ווי אַזוי מ'קען עס אויסרייסן פון זיך. אויפ'ן אָרט, האָט רבי מענדעלע וויטעבסקער איהם גאָרנישט געענטפערט. עטליכע טעג שפּעטער, איז דער 'תולדות' געפאָרן אונטערוועגנס מיט עטליכע חסידים. אויפ'ן וועג, האָט אַ איד געבעטן זיי זאָלן איהם אַרויפנעמען אויף זייער וואָגן, און דער 'תולדות' האָט באַפוילן אַרויפצונעמען דעם איד אויפ'ן וואָגן. וויבאַלד ס'איז אָבער נישט געווען גענוג פלאַץ אויפ'ן וואָגן, האָבן זיי געזעצט דעם איד פון אונטן, וואו עס ליגן די פעק און פעסלעך - אַ פלאַץ וואָס איז זייער אומבאַקוועם פאַר אַ מענטש צו זיצן.

משך פון די רייזע, האָט דער 'תולדות' עטליכע מאָל געפרעגט דעם איד, אויב ס'איז איהם נישט ענג דאָרטן. דער 'גאַסט' האָט געענטפערט, אַז ס'איז איהם באַקוועם דאָרט וואו ער זיצט. דער 'תולדות' האָט אָבער נישט נאָכגעלאָזט, און ער האָט איהם נאָך אַמאָל געפרעגט, צי ס'איז איהם דאָרט גוט. צום סוף, האָט דער גאַסט געענטפערט: 'אשרי העם שככה לו' -וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס 'שככה' לו, אויף וועלכן אופן,

זייער שורש, דורך 'שבע עשרה' בגימטריא 17 - טו"ב. דאָס הייסט, יעקב האָט געגלייבט אַז 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'. ווייל דאָס איז דער דרך פון די צדיקים, צו זאָגן אויף אַלעם וואָס קומט אויף זיי אַז עס איז גוט, און אַז אויך די שווערסטע 'ענגשאַפטן' זענען נאָר צום גוטן"א.

---

ווי אַזוי דער אויבערשטער פירט זיך מיט איהם, איז איהם גוט, ווייל ער ווייסט אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, און ממילא, האָט ער אינגאַנצן נישט קיין טענות איבער זיין מצב...

די חסידים האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון די ווערטער פון דעם איד, און דער 'תולדות' איז געוואָרן 'צעפלאַמט' ווי מיט אַ פייער, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָט מען איהם געוואָלט מרמז זיין פון הימל אַז אויב ער וועט געדענקען און שטענדיג וויסן אַז אַלעס וואָס פאַסירט מיט איהם איז נאָר לטובה, וועט ער קיינמאָל נישט אַריין אין כעס. ער וועט אַלעס אָננעמען בשובה ונחת.

עטליכע טעג שפּעטער, האָט דער 'תולדות' ווידער באַגעגענט דעם הייליגן וויטעבסקער, וועלכער האָט איהם געזאָגט: 'זעהט איר, פון הימל האָט מען געשיקט צו אייך אליהו הנביא, ער זאָל ענטפערן אויף די שאלה ווי אַזוי מ'קען אַראָפּשאָקלען פון זיך די מדה פון כעס'.

באמת, איז דאָס נישט געזאָגט געוואָרן נאָר לגבי דעם ענין פון כעס, נאָר עס איז אַ גוטע עצה מיט וועלכער מ'קען 'לעבן' אין יעדער ענגשאַפט, ווען דער מענטש ווייסט אַז אַלעס איז מיט אַ פּונקטליכן חשבון פון הימל.

הרה"ק רבי יאַנקעלע פשעוואָרסקער זי"ע איז אַמאָל געוועז אין אַ קור-אָרט מיט זיין משמש. אויפ'ן וועג, האָט דער פשעוואָרסקער רבי געזאָגט צו דעם משמש, 'אשרי העם שככה לו - וואויל איז פאַר דעם מענטש וואָס לעבט שטענדיג מיט דעם אויבערשטען, און ער פרייט זיך מיט דעם וועג ווי אַזוי דער אויבערשטער פירט זיך מיט איהם'. 'שככה לו' - סיי ווען עס גייט איהם גוט, סיי פאַרקערט ח"ו, שטענדיג איז 'אשרי חלקו', ווייל מיט זיין אמונה ווייסט ער אַז אַלעס איז פאַר זיין פולשטענדיגע טובה.

אַזוי האָט דער פשעוואָרסקער רבי איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל די זעלבע ווערטער. פאָרנדיג צוריק אַהיים, ווען מ'האָט זיך אַריינגעזעצט אין קאר, האָט דער פשעוואָרסקער רבי געפרעגט דעם משמש, אויב ער האָט פאַרשטאַנען די ווערטער וואָס ער האָט פריער געזאָגט אויף 'אשרי העם שככה לו'. וויבאַלד דער משמש האָט שוין געהאַט געהערט די דערמאנטע ווערטער צענדליגער מאָל אין אַזאַ קורצע צייט, האָט ער זיך אָנגערופן צום רבי'ן, אומגעדולדיג, דער פשט איז דאָך אַזוי און אַזוי... האָט דער פשעוואָרסקער רבי איהם געזאָגט:

- אַה, נישט אַזוי... דער פשט איז 'אשרי העם שככה לו' - וואויל איז פאַר דעם איד וואָס ער לעבט שטענדיג מיט דעם אויבערשטען, און ער פרייט זיך מיט זיין הנהגה, ווייל ער ווייסט אַז אַלעס איז פאַר זיין פולשטענדיגע טובה.

ווי איינער זאגט, עס איז נישט גענוג צו 'הערן' די ווערטער, נאָר מ'דאַרף עס גוט איינקריצן אין האַרצן.

**יא.** אויף דעם פּסוק אָנהייב היינטיגע פרשה (מז, כח) 'ויחי יעקב בארץ מצרים', זאָגט רש"י: 'פרשה זו סתומה'. פּרשת ויחי איז אַ 'סתומה' אין דער ספר תורה, ווייל די אויגן און הערצער פון אידן זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן פון די צרה פון שעבוד מצרים. דאָס מיינט, אין די אַנדערע פרשיות פון די תורה, איז דאָ ליידיג אָרט פאַר עטליכע ווערטער צווישן איין פרשה און די צווייטע, אָבער צווישן פרשת ויגש און פרשת ויחי, איז נישט דאָ קיין ליידיג אָרט. קומט אויס, אַז אנשטאט דעם 'ליידיגן' פּלאַץ, שטייט אין דער תורה 'ויחי יעקב'.

ווערט געברענגט אין ספרים ('פרי צדיק', פרשת ויחי), אַ רמז אויף דעם, אָפט מאָל דאַכט זיך עס פאַר דעם מענטש, אַז עס איז אויף איהם געקומען אַ 'פרשה סתומה' ח"ו. ער האָט שווערע און ביטערע נסיונות. עס איז אַ בחינה פון 'זיינע אויגן און האַרץ זענען פאַרשטאָפּט'. וואו ער דרייט זיך נאָר, רעכטס, אָדער לינקס, איז אַלעס 'פאַרמאַכט' אין זיינע אויגן. דאַרף ער וויסן, אַז דאָס אַלעס איז נאָר אַ 'דמיון', ווייל אין דער תורה שטייט דאָך 'ויחי יעקב', ווייל דאָס אַלעס איז געוועזן כדי איהם צו האַלטן אין רייכטום און כבוד. ממילא, דאַרף דער מענטש זיך שטאַרקן צו גלייבן באמונה שלימה, אַז כאָטש ער פאַרשטייט נישט די הנהגה פון דעם אויבערשטען מיט איהם, איז אָבער דער אמת אַז דאָ ווערט געבויט זיין טובה, כדי איהם צו האַלטן ביים לעבן.

די ספרים פרעגן פאַרוואָס ספר בראשית ענדיגט זיך מיט דעם פּסוק, 'וימת יוסף וכל אחיו וגו' ויחנטו אותו, ויישם בארון במצרים'. עס איז דאָך אַ הלכה אַז מ'דאַרף מסיים זיין 'בדבר טוב'. אויב אַזוי, פאַרוואָס ענדיגט זיך

### מאשר שמנה לחמו - אַריינגיין אין יענעמ'ס שיך, און פאַרשטיין זיין געפיל

**אין** דער היינטיגער סדרה (מז, כט-ל) לייענען מיר: 'ויקרבו ימי ישראל למות ויקרא לבנו ליוסף ויאמר לו אם נא מצאתי חן בעיניך, שים נא ידך תחת ירכי, ועשית עמדי חסד ואמת וגו', ושכבתי עם אבותי' וגו'.

**די** גמרא זאָגט (ב"ב קטז.) 'כל המניח בן כמותו כאילו לא מת', יעדער וואָס לאָזט איבער אַ זון וואָס איז חשוב אַזוי ווי ער, ווערט גערעכענט אַזוי ווי ער איז קיינמאָל נישט געשטאָרבן.

**זאָגט** דער 'חתם סופר' ('תורת משה', פרשתינו), ווען יעקב אבינו ע"ה איז געקומען קיין מצרים און געזעהן די גרויסקייט פון זיין זון יוסף הצדיק, זיין אומשאַצבאַרן רייכטום און כבוד, האָט ער זיך געזאָרגט, טראַכטנדיג אַז ער לאָזט איבער אַ זון וואָס איז חלילה נישט 'כמותו' - אַזוי ווי ער, ווייל ער, יעקב, איז אַלע יאָרן אַדורכגעגאַנגען שווערע צייטן, ליידנדיג צער און יסורים דורך וועלכע דער מענטש ווערט שטאַרק אויסגעלייטערט[יב], אָבער זיין זון, יוסף, לעבט רואיג[יג] רוב פון זיין לעבן (יוסף האָט דאָך געקעניגט אין מצרים אַכציג יאָר, זינט ער איז אַלט געוואָרן דרייסיג יאָר, ביז ער איז נסתלק געוואָרן אין עלטער פון 110 יאָר), און אויב

---

ספר בראשית מיט'ן סיפור, נישט נאָר אַז יוסף הצדיק איז נסתלק געוואָרן, נאָר מ'האָט איהם אַריינגעלייגט אין אַ קאַסטן אין מצרים, און ער האָט נישט זוכה געווען אַרויפגעפירט צו ווערן קיין ארץ ישראל, נאָר ערשט נאָך אַסאַך יאָרן.

דער אמת איז אָבער, אַז אויב מ'איז זיך מתבונן אין די פסוקים, זעהט מען קלאָר אַז עס האָט נישט געקענט זיין אַ גרעסערע טובה ווי דאָס וואָס דער קערפּער יוסף איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַ קאַסטן אין מצרים, ווייל ביים ים סוף, זאָגן חז"ל אַז דער ים האָט זיך נישט געוואָלט שפּאַלטן פאַר די אידן אַריבערצוגיין דעם ים, נאָר ווען ער האָט געזעהן דעם ארון פון יוסף הצדיק, איז ער אַנטלאָפן און האָט זיך געשפּאָלטן [מדרש שוחר טוב אויפ'ן פסוק 'הים ראה וינוס' 'מה ראה, ארונו של יוסף ראה']. קומט אויס, אַז אין משך פון 130 יאָר האָט עס אויסגעזעהן פאַר דעם מענטשליכן אויג, אַז דאָס וואָס יוסף'ס קערפּער איז געבליבן אין מצרים, איז נישט געווען לטובה, אָבער צום סוף איז עס למעשה, געווען אַ גרויסע טובה פון דעם באַשעפער, כדי צוצוגרייטן פון פאָראויס די הצלה און דעם גרויסן נס פון קריעת ים סוף.

פון דעם זעהט מען אַז אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט איז פאַר די טובה פון מענטש. 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד'. אפי' אויב עס גייען אַדורך אַסאַך יאָרן און מ'זעהט נאָך נישט די טובה וואָס איז באַהאַלטן דערין, דאַרף מען וויסן אַז ס'וועט קומען אַ צייט ווען עס וועט קלאָר ווערן דער 'חשבון' ווי אַלעס איז געווען אַ צוגרייטונג פאַר די טובה וואָס דאַרף נאָך קומען.

**יב.** אַמאָל האָט דער גערער רבי, הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע, זיך באַטייליגט אין אַ לוי' רח"ל, און הערנדיג ווי די מספידים רעכענען אויס די שבחים פון דעם נפטר, אַז ער איז געווען אַ תלמיד חכם און בעל מידות א.א.וו., האָט דער 'שפת אמת' זיך אָנגערופן:

- הערט אויף צו זאָגן די אַלע שבחים. ס'איז גענוג צו זאָגן איין זאַך, אַז ער איז געווען אַ גרויסער בעל יסורים ל"ע, וואָס יסורים האָבן אין זיך די גרעסטע סגולה.

**יג.** מענין לענין, הרה"ק רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע, איז נאָך דער חתונה געזעסן אויף 'קעסט' ביי זיין רייכן שווער, וועלכער האָט איהם אויסגעהאַלטן מיט אַלע זיינע באַדערפעניש. איינמאל ווען דער וואָרקער איז געווען אין לובלין ביים הייליגן רבי'ן פון לובלין זי"ע, האָט דער 'חוזה' איהם געזאָגט, אַז אויב מ'וועט איהם אָנטראָגן אַ מלומדות ערגעץ אין אַ שטעטל אָדער אַ דאָרף, זאָל ער עס אָננעמען. רבי יצחק'ל האָט זיך זייער געוואונדערט דערויף, פאַרוואָס דאַרף ער עפּעס אָננעמען אַ מלומדות. ער זיצט דאָך אויף 'קעסט' ביי זיין רייכן שווער, וועלכער האַלט איהם אויס בכבוד ובריווח. אָבער אַז דער רבי הייסט, איז דאָך נישט שייך צו זאָגן. דערוויל, האָט ער זיך צוריקגעזעצט אין בית המדרש אין לובלין, לערנען זיינע שיעורים.

אין דער זעלבער צייט, איז ביים רבי'ן פון לובלין געווען אַ איד וואָס האָט געוואוינט אין אַ דאָרף, און ער האָט זיך אויסגעגאָסן דאָס האַרץ פאַר'ן רבי'ן אַז ער וואוינט אין אַ דאָרף און זיינע קינדער זענען שוין אין עלטער פון חיוב חינוך, אָבער לײדער, פאַרשטייען זיי נישט אַפילו אַ וואָרט פון אַלעם וואָס מ'לערנט מיט זיי... האָט דער רבי פון לובלין איהם געזאָגט:

- דאָ ביי אונז אין בית המדרש, זיצט אַ יונגערמאַן מיט'ן נאָמען איציקל, גיי-צו צו איהם און זאָג איך אַז איך האָב דיך געשיקט צו איהם, דו זאָלסט איהם אָנבאָטן צו ווערן אַ מלמד פאַר דיינע קינדער, און דו זאָלסט איהם צאָלן פערציג זלאָטעס פאַר'ן קומענדיגן האַלבן יאָר.

כך הוה, דער וואָרקער איז צוריקגעפאָרן מיט'ן דאָרפסמאַן אין דאָרף אַריין, פון וואו ער האָט געשריבן אַהיים צו זיין רעביצין, אַז ער איז געפאָרן אין דאָרף אַריין לערנען מיט קינדער, און ער וועט צוריקקומען אַהיים ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום... צו זיין שטוינונג, האָט ער צוריק באַקומען אַ בריוול פון זיין בני בית, אַז ער האָט זייער גוט געטוהן, ווייל אַזוי וועט ער קענען אַהיים ברענגען פרנסה, ווייל דאָס פראַנצויזישע מיליטער איז אַריינגעקומען אין שטאָט נאָכ'ן צוריקקומען פון אַ מלחמה, און האָבן דאָרט דורכגעפירט אַן 'אָבלאַווע', רויבנדיג פון אַלעם וואָס איז זיי נאָר געקומען אין האַנט אַריין. זיי האָבן אויך צוגערויבט פון מיין טאַטן'ס פאַרמעגן, איבערלאָזנדיג איהם אַן עני ואביון.

נאָך אַ קורצע צייט לערנענדיג מיט די דאָרפס-יונגלעך, איז רבי יצחק'ל וואָרקער געווען אַנטוישט, זעהענדיג אַז זייערע מוחות דערהייבן נישט די לימודים וואָס מ'לערנט זיי. זייערע קעפּ זענען פּשוט פאַרשטאָפּט, און זיי פאַרשטייען נישט אַפילו אַ 'חצי דבר' פון זייערע לימודים. ער איז געפאָרן קיין לובלין, און זיך אָפּגערעדט פון האַרצן פאַר'ן רבי'ן פון לובלין, אַז די דאָרפס-קינדער פאַרשטייען נישט וואָס מ'לערנט מיט זיי. האָט דער לובלינער איהם געזאָגט:

- וואָס האָסטו צו קומען צו מיר?! אויב זיי פאַרשטייען נישט דאָס לערנען, זאָלסטו מתפלל זיין פאַר זיי ביי 'אהבה רבה' און ביי די אַנדערע תפילות און בקשות וואָס חז"ל האָבן מתקן געווען צו בעטן אויף הצלחה אין תורה, וועסטו זעהן אַז זיי וועלן אָנהייבן פאַרשטיין דאָס לערנען.

איז דער וואָרקער צוריקגעפאָרן אין דאָרף אַריין, און געפאָלגט דעם רבין'ס עצה, בעטנדיג פאַר די הצלחה אין די לימודים פון די דאָרפס-יונגלעך, וכך הוה, זיי האָבן צוביסלעך אָנגעהויבן פאַרשטיין דאָס לערנען.

אין דעם פאַרוואָרפענעם דערפל, האָט זיך געפונען קוים אַ מנין אידן צום דאַווענען. אין אַ געוויסן טאָג האָט אויסגעבראָכן אַ שאַרפע קריגעריי צווישן צוויי פון די מתפללים אין שול, און איינער האָט פאַרשעהמט דעם צווייטן ברבים. דער פאַרשעהמטער האָט צוגעזאָגט אַז פון יעצט אָן וועט ער מער נישט איבערטרעטן די שוועל פון דער שול (כאָטש ער האָט געוואוסט אַז אַזוי וועט בטל ווערן דער איינציגער מנין אינעם דאָרף). כדי איהם צו באַרואיגן, איז איינער פון די דאָרפסלייט צוגעגאַנגען צו יענעם, און איהם געזאָגט, וויסן זאָלסטו, אויב דו וועסט אָננעמען מיט סלבנות אַלעס וואָס קומט אויף דיר, לטוב ולמוטב, מיט ליבשאַפט און שמחה, וועסטו זוכה זיין צו אַ גליקליך לעבן, ווי ס'איז מרומז אין דעם פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מט, טו) 'וירא מנוחה כי טוב וגו', ויט שכמו לסבול'. לכאורה איז דער פסוק זיך סותר מיניה וביה, ווייל אויב דער מענטש דאַרף אונטערבייגן זיין אַקסל צו ליידן ('ויט שכמו לסבול'), האָט ער דאָך נישט קיין 'מנוחה'... נאָר דער פסוק וויל אונז לערנען: 'וירא מנוחה כי טוב' - ווען קען דער מענטש לעבן במנוחה אויף דער וועלט, עס זאָל איהם אַלעס זיין גוט? איז דער תירוץ: 'ויט שכמו לסבול' - אויב ער בייגט-צו זיין אַקסל און איז גרייט צו ליידן פון אַלעם וואָס קומט איהם אונטער, איז ער שטענדיג רואיג און לעבט במנוחה ושלוה...

נאָך אַ האַלב יאָר, ווען עס האָט זיך דערנענטערט די צייט פון יום טוב, אַהיימצופאָרן פאַר'ן 'מלמד' רבי יצחק'ל, האָט דער דאָרפסמאַן געפרעגט רבי יצחק'לען אויב ער פלאַנט צוריקצוקומען צום נייעם זמן, ווייטער צו לערנען מיט די קינדער אין דאָרף. האָט דער וואָרקער געענטפערט: 'איך בין דאָך געקומען אַהער נאָר ווייל דער רבי פון לובלין האָט מיך אַהער געשיקט לערנען מיט די קינדער. וועל איך אַלזאָ פאָרן קיין לובלין, כדי צו פרעגן דעם רבי'ן וואָס צו טוהן ווייטער. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז כ'וועל אי"ה טוהן וואָס דער רבי וועט מיר הייסן טוהן.

רבי איציקל וואָרקער איז טאַקע געפאָרן קיין לובלין. דער רבי פון לובלין זי"ע האָט איהם אויפגענומען זייער שיין, און שמועסנדיג מיט איהם, האָט דער 'חוזה' איהם געפרעגט אויב ער האָט געהערט עפּעס אַ וואָרט אין משך פון דעם יאָר וואָס ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דאָרף. האָט רבי איציקל געענטפערט, די דאָרפסלייט זענען דאָך עמי הארצים, וואָס האָב איך שוין געקענט לערנען ביי זיי... שפּעטער האָט ער זיך אָבער דערמאָנט אין דער קריגעריי וואָס האָט אויסגעבראָכן צווישן די צוויי אידן אין שול, און דאָס וואָרט וואָס ער האָט דאָרט געהערט פון אַ איד, אויפ'ן פסוק 'וירא מנוחה כי טוב וגו' ויט שכמו לסבול', ווי חשוב עס איז צו האָבן די מדה פון סבלנות. האָט דער 'חוזה' זיך אָנגערופן צום וואָרקער: 'דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט הערן פון דיר...'. אַ קורצע צייט שפּעטער, איז זיין שווער צוריק געוואָרן רייך, און רבי איציקל האָט זיך מער נישט גענויטיגט אין אַ מלומדות...

יוסף איז נישט 'כמותו' ממש, וועט דאך ער, יעקב, נישט באטראכט ווערן אלס 'לעבעדיג', אויך נאך זיין פארלאזן די וועלט.

**עס** שטייט אבער אין זוהר הקדוש, אז א מענטש וואס געבט אסאך צדקה און טוט גמילות חסדים מיט אנדערע, דארף נישט אנקומען צו יסורים ח"ו[ד], ווייל

---

אויפ'ן יסוד פון דעם ווארט, האט דער ווארקער אויפגעשטעלט זיין הייליגע עדה, אז מ'דארף נאר האבן סבלנות, און דאן האט מען א רואיג לעבן: 'וירא מנוחה כי טוב'...

מיר האבן שוין דערציילט, ביים טיש פון הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע אין ירושלים, פלעגן מיט-עסן אסאך ארימעלייט און צובראכענע אידן, וואס האבן נישט געהאט ווער ס'זאל זיי מקרב זיין, נאר דער קודש הקדשים רבי שלמה'קע זי"ע. אמאל איז א חשוב'ער רב פון ירושלים געקומען צום טיש פון זוועהילער רבי'ן, און געברענגט צום טיש א טאפ טשאלענט, פאר'ן רבי'ן און פאר דעם עולם ביים טיש. צווישן די אנוועזנדע אידן ביים טיש, איז געווען א בלוטיגער ארימאן, ווען עס האט זיך אייביג געדאכט אז מ'גיט איהם פון יעדן מאכל, ווייניגער ווי פאר די אנדערע אידן ביים טיש... ממילא, ווען דער דערמאנטער רב איז אריינגעקומען מיט'ן טשאלענט, האט הרה"ק רבי שלמה'קע איהם געבעטן ער זאל אוועקשטעלן דעם טשאלענט אויפ'ן טיש נעבן דעם ארימאן, כדי ער זאל קענען נעמען דערפון וויפיל ער דארף, און ער זאל נישט שפירן אז ער ווערט בא'עוול'ט. ווען דער איד האט אנגעהויבן נעמען פון דעם טאפ טשאלענט, האבן עטליכע אנדערע אידן זיך צוגעשטופט נעבן דעם טאפ, און אויך געוואלט ארויסנעמען טשאלענט. האט דער איד, וועלכער האט ווידער געשפירט אז ס'וועט איהם איבערבלייבן בלויז אביסל טשאלענט, אריינגעשפיגן אינעם טאפ, ווי מ'זאגט, 'מלוא לוגמיו'... כדי צו פארזיכערן, אז קיינער וועט שוין נישט וואגן צוצורירן צום טאפ... הרה"ק רבי שלמה'קע האט דאס אלעס צוגעזעהן, אבער מיט זיין הייליגע מידות, האט ער געשוויגן, נישט ארויסזאגנדיג א ווארט.

ווען דער רב וואס האט געברענגט דעם טשאלענט, האט געזעהן וואס דא קומט פאר, האט איהם - זעלבסט-פארשטענדליך - גאר שטארק פארדראסן, די חוצפה פון דעם ארימאן. ער האט זיך אויפגעהויבן פון ארט, און געפרעגט פון רבי שלמה'קען שארפערהייט: 'דאס קען גערופן ווערן א 'טיש'?... צי האט מען דא געהערט א דבר תורה?!... נאר מאדנע פירונגען זעהט מען דא ביים רבי'ן... וואס קען מען זיך לערנען פון אזא טיש?'.

האט הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע באַרואיגט דעם רב, זאגנדיג: 'דא ביי אונזער טיש, קען מען אסאך לערנען... מ'קען זיך דא לערנען די מדה פון סבלנות... מ'קען דא זעהן ווי עס קומען פאר זאכן וואס שמעקן נישט, און פונדעסטוועגן, דארף מען אויסהאלטן... נישט זאגן א ווארט, נאר ווארטן 'עד יעבור זעם'... דאס איז נאך איינמאל א לימוד, וואס מ'קען זיך לערנען ביי אונזער טיש...'.

די גמרא זאגט (עירובין סה:) אז יעדעס הויז וואו עס גיסט זיך נישט וויין אזוי ווי וואסער, זעהט מען נישט דארט א סימן ברכה. דער רמ"א (או"ח סי' רצ"ו ס"א) שרייבט, אז מ'פירט זיך ארָאפצוגיסן אויף דער ערד אביסל וויין פונעם בעכער (מוצאי שבת נאך הבדלה), איידער מ'ענדיגט די ברכה 'בורא פרי הגפן'. דער טעם פארוואס מ'גיסט אויס אביסל וויין, איז ווייל די גמרא זאגט אז א הויז וואו עס גיסט זיך נישט וויין אזוי ווי וואסער, זעהט מען נישט דארט א סימן ברכה (אנהייב וואך, איז עס א גוטער סימן פאר די גאנצע וואך).

שרייבט אויף דעם דער 'טורי זהב', אז מ'קען זאגן א כוונה, ווייל לכאורה איז שווער, פארוואס זאגט די גמרא א לשון 'דיעבד' ('נשפך'), און נישט א לשון פון 'לכתחילה' ('כל בית שאין שופכין בו'...). נאר די כוונה פון חז"ל איז געווען, אז דער מענטש זאל זיך נישט בייזערן ביי זיך אין הויז, אפילו אויב עס פאסירט ביי איהם א שאדן, צוםביישפיל, איינער פון די שטוב-מענטשן האט אויסגעגאסן וואסער: 'נשפך דם כמים'. בדיעבד, האט זיך אויסגעגאסן וויין, וואס געוועגליך קען א מענטש זיך אויפרעגן דערפון. ווענן דעם זאגן חז"ל, אז יעדעס הויז וואו דאס וויין ווערט אויסגעגאסן אומווילנדיג, ווערט נישט באטראכט אזוי ווי עס וואלט אויסגעגאסן געווארן וואסער, נאר אדרבה, דער באלעבאס ווערט אויפגערעגט דערפון, איז אין אזא הויז חלילה נישט פארהאן די ברכה.

קומט אויס, אז די עצם זאך וואס מ'פאלט נישט אריין אין כעס, איז פאר זיך אליין א גוטער סימן, און א סימן ברכה, וואס איז גורם א גרויסע שפע.

**יד.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מט, כ) 'מאשר שמנה לחמו, והוא יתן מעדני מלך', זאגט דער 'אלשיך' הקדוש זי"ע, אז דער פסוק טוט אויסלויבן שבט אשר, אז פאר זיך אליין איז איהם געווען גענוג - 'לחמו' -

דורך די מדה פון גמילות חסדים דערגרייכט ער אַ מדריגה כאילו ער וואָלט געהאַט יסורים אַלע יאָרן. דער זוהר רופט דאָרט אָן דעם בעל יסורים מיט'ן נאָמען 'מרא דירכין', און דער בעל צדקה ווערט באַצייכנט אַלס 'מרא דידין'.

**זאָגט** דער 'חתם סופר', אַז דאָס איז די כוונה פון פסוק, 'ויקרבו ימי ישראל למות', ווען יעקב האָט געזעהן יוסף'ס גרויסקייט און ער האָט מורא באַקומען אַז ער איז נישט אַ 'בן כמותו', ממילא וועט ער זיין אין דער בחינה פון 'ויקרבו ימי ישראל למות' (ווייל דאַן איז ער דאָך נישט אין גדר פון 'כאילו לא מת'...), האָט ער גערופן יוסף'ן צו זיך און איהם געזאָגט, 'שים נא ידך תחת ירכי', דאָס הייסט, אנשטאט די יסורים וואָס איך האָב געליטן אַלע מיינע יאָרן וואָס צוליב דעם ווער איך באַצייכנט אין זוהר הקדוש מיט'ן טיטל 'מרא דירכין', זאָלסטו נעמען אויף זיך צו טוהן מיט מיר אַ גמילות חסד - 'ועשית עמדי חסד ואמת' - און ממילא, וועט עס פאַררעכנט ווערן פאַר דיר אַלס אַ זכות גלייך אַזוי ווי דו וואָלסט געליטן יסורים אַזוי ווי איך האָב געליטן, און ממילא וועל איך זיין אין דער בחינה פון 'הניח בן כמותו', וואָס 'כאילו לא מת', און דאָס אַוועקגיין פון דער וועלט פון יעקב אבינו וועט קענען באַצייכנט ווערן אַלס 'ושכבתי' - נאָר ווי איינער וואָס 'ליגט', און נישט אַ פולשטענדיגער טויט חלילה. און אַזוי איז טאַקע געווען ביי יעקב אבינו ע"ה, ווי די גמרא זאָגט (תענית ה:) 'יעקב אבינו לא מת'.

**דאָס** איז אויך די כוונה פון די פסוקים אין דער היינטיגער סדרה (נ, טו-כא) 'ויראו אחי יוסף כי מת אביהם'. ווען די ברידער האָבן געזעהן אַז יוסף לעבן במנוחה ושלוה, זייענדיג דער משנה למלך אין מצרים, האָבן זיי געמיינט אַז זייער פאָטער יעקב איז חלילה אין גדר פון 'מת', ווייל 'לא הניח בן כמותו'. אויף דעם האָט יוסף זיי געענטפערט: 'אל תיראו, אנכי אכלכל אתכם ואת טפכם' - פון יעצט אָן וועל איך אייך שפייזן, צוזאַמען מיט אייערע קינדער. איך וועל טוהן מיט אייך צדקה וחסד[טו], און ממילא וועט עס מיר גערעכנט ווערן גלייך ווי איך בין חלילה אַדורכגעגאַנגען יסורים אַלע יאָרן, און אונזער טאַטע

---

אַ שטיקל ברויט. דאָס איז פאַר איהם געווען אַזוי ווי אַ פעט מאכל - 'שמנה' לחמו. אָבער פאַר אַנדערע מענטשן, 'והוא יתן מעדני מלך' - האָט ער געגעבן די שענסטע מאכלים וואָס ער האָט פאַרמאָגט...

דער של"ה הקדוש (במדבר ל"א) טייטשט דעם פסוק אויף אַביסל אַן אַנדערן אופן, 'מאשר שמנה לחמו' - פון וואו האָט אשר זוכה געווען צו עשירות? איז דער תירוץ: 'והוא יתן מעדני מלך' - ער גיט פאַר אַנדערע אידן צו עסן. ווען עס קומען געסט, גיט ער זיי צו עסן פון די געשמאַקסטע מאכלים. נישט שוואַכע מאכלים, נאָר 'משופרא דשופרא', אין דער בחינה פון 'כל חלב לה'' (ויקרא ג, טז). אין זכות פון זיין ברייטהאַרציגקייט פאַר אַנדערע אידן, האָט ער זוכה געווען צו רייכטום.

דער של"ה הקדוש איז מוסיף, ביי אשר געפינען מיר אויך אין פסוק (דברים לג, כד) 'ברוך מבנים אשר'. חז"ל זאָגן (ספרי פ' ברכה, שנה), אַז עס איז נישט געווען נאָך אַ שבט אַזוי געבענטשט צו ווערן מיט קינדער , אַזוי ווי אשר ('ברוך מבנים אשר'). זאָגט דער של"ה הקדוש, אַז וויבאַלד אשר האָט געגעבן פאַר זיינע געסט קעניגליכע מאכלים, האָט ער זוכה געווען צו קינדער, ווי די גמרא זאָגט (ב"ב י:) 'מה יעשה אדם ויהיו לו בנים זכרים' - וואָס דאַרף אַ מענטש טוהן אַז ער זאָל זוכה זיין צו קינדער זכרים? זאָגט רבי אליעזר, ער זאָל אויסטיילן געלט פאַר אָרימעלייט.

**טו.** מיר געפינען אין די וואכ'דיגע פרשה (נ, כ) יוסף הצדיק האָט געזאָגט צו זיינע ברידער: 'ואתם חשבתם עלי רעה, אלוקים חשבה לטובה, למען עשה כיום הזה להחיות עם רב'. אויך אין דער פריערדיגער סדרה (ויגש, מה, ה) ווען יוסף האָט זיך געלאָזט דערקענען צו זיינע ברידער, האָט ער זיי געזאָגט: 'ועתה אל תעצבו ואל יחר בעיניכם כי מכרתם אותי הנה, כי למחיה שלחני אלוקים לפניכם'.

מיר האָבן געהערט פון אַ ידיד, אַ חשוב'ער רב פון אַמעריקע, וואָס ער האָט געלערנט ביי דעם מירער ראש ישיבה, הגאון רבי שמואל בירנבוים זצ"ל, אַז אַמאָל האָט דער ראש ישיבה איהם געפרעגט, וואָס האָט 'למחיה שלחני' און 'להחיות עם רב', אַ שייכות מיט דעם וואָס יוסף האָט געדאַרפט אַריבערגיין צער ווען ער איז געווען אין תפיסה?... ער האָט דאָך געקענט זיך אויפהאַלטן אין מצרים, אויף אַ מער 'בכבוד'יגן' אופן, אַז עס זאָל שפּעטער קענען זיין 'כי למחיה שלחני אלוקים לפניכם'. ער האָט דאָך געקענט שיקן אַ קעניגליכע קאַרעטע ביז מצרים, און ער זאָל קומען באַזוכן אין תפיסה דעם שר המשקים און שר האופים, און באַשיידן זייערע חלומות, אָן דעם וואָס

ער זאָל אַליין דאַרפן שמאַכטן אין תפיסה? אָדער מ'קען איהם סתם באַשטימען אַלס ממונה אויף די תבואה אין די זאַטע יאָרן, עס צו היטן פאַר די קומענדיגע הונגער יאָרן, אָן דעם וואָס ער זאָל דאַרפן זיין פריער אין תפיסה?

האָט דער מירער ראש ישיבה געענטפערט, ווייזט אויס, אַז כדי צו קענען שפירן דעם שווערן קלעם אין וועלכן עס געפינט זיך אַן אָרימאַן וואָס האָט נישט וואָס צו עסן, און אַזוי זאָל ער איהם שפייזן, דאַרף דער נותן, קודם האָבן דעם זעלבן געפיל. נאָר אַזוי וועט ער קענען פאַרשטיין און שפירן דעם צער פון דעם אָרימאַן. וועגן דעם האָט יוסף געדאַרפט פריער אַדורכגיין אַלע שוועריגקייטן אין מצרים, כדי אַז ווען ער וועט שפּעטער ווערן דער משנה למלך, און טיילן עסן פאַר גאַנץ מצרים און די אַרומיגע לענדער, זאָל ער פאַרשטיין די נויט פון אַן אָרימאַן וואָס האָט נישט וואָס צו עסן.

ענליך זאָגט דער 'צרור המור' (פרשת בהר), אַ טעם פאַרוואָס די מצוה פון 'וכי ימוך אחיך ומטה ידו והחזקתו בו', איז געשטעלט געוואָרן נעבן די מצוות פון שמיטה און יובל. ווייל מצוות שמיטה לערנט דאָך אונז אַ פּרק אין 'הלכות גמילות חסדים'. ס'איז דאָך דער טבע, אַז דער זאַטער מענטש שפּירט נישט די נויט פון דעם הונגעריגן, און דער בעל יכולת, וואָס פאַרמאָגט אַסאַך פעלדער און גערטנער און פאַרמעגנס, פאַרשטייט נישט דאָס האַרץ פון אַן אָרימאַן ווען ער שטעקט אויס זיין האַנט נאָך הילף. דער אָרימאַן גליסט נאָר פאַר אַ טרוקן שטיקל ברויט, און אַ גלאָז וואַסער. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער באַפוילן פאַר דעם מענטש וואָס פאַרמאָגט אַ פעלד, אַז איינמאָל אין זיבן יאָר זאָל ער לאָזן דאָס פעלד רוהען אַ גאַנץ יאָר צייט. אין דעם יאָר זאָל ער נישט פאַרדינען געלט דורך פאַרקויפן די פרוכט פאַר אַ טייערן פרייז, ווי ער טוט אַלע יאָרן, און אַזוי וועט ער פאַרשטיין דאָס האַרץ פון זיין אָרימען ברודער, וואָס אַלע יאָרן (נישט נאָר אין שמיטה) דרייט ער זיך אַרום מיט אַ שאלה: 'מה נאכל'. ממילא, וועט דער עושר געבן אביסל פון זיך פאַר זיין אָרימען ברודער, 'וכי ימוך אחיך ומטה ידו והחזקת בו'.

דער 'צרור המור' שרייבט בזה"ל: אין שמיטה און אין יובל האָט דער אויבערשטער ברוך הוא געוואָלט אַז די אָרימעלייט און די רייכע לייט זאָלן זיין גלייך, ווי דער פסוק זאָגט 'לך ולעבדך', און עס שטייט 'ואכלו אביוני עמך'. עס איז באַקאַנט אַז דער אָרימאַן איז שטענדיג פאַרוויטאָגט, ווייל ער האָט נעבעך נישט וואָס צו עסן. ער הייבט אויף שטענדיג זיינע אויגן צום הימל, דאָס לעבן הענגט איהם אויף אַ האָר. דער עושר, ווידער, איז שטענדיג פריילך און דערמונטערט. 'וטוב לב משתה תמיד', אַזוי אַז אין זיין רייכטום שפּירט ער נישט דעם ווייטאָג פון דעם אָרימאַן. וועגן דעם האָט דער אויבערשטער באַפוילן אַז שמיטה און יובל זאָלן זיין צוויי יאָר רצופות, וויבאַלד מ'וועט אַזוי לאַנג נישט איינזייען און נישט שניידן די תבואה, וועט אויך דער עושר דאַרפן אויפהייבן זיינע אויגן צום הימל, כדי ער זאָל וויסן דעם צער פון דעם אָרימאַן וואָס איז אַלע יאָרן פאַר'דאגה'ט און פאַר'צער'ט. און וויבאַלד דער עושר טוט צוויי יאָר אויך אויפהייבן זיינע אויגן צום הימל, ווייל ער האָט דאָך אויך נישט קיין תבואה צו זייען און שניידן אין די צוויי יאָר, וועט ער שפּירן דעם געפיל פון דעם אָרימאַן, וואָס ליידט אַלע יאָרן פון אָרימקייט. ממילא, ווען דער עושר וועט צוריקקומען צו זיין רייכטום, וועט ער געדענקען די שווערע צייט וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין שמיטה און אין יובל, אַז ער איז געווען באַזאָרגט פון וואו ער וועט נעמען צו עסן און טרינקען. ממילא, וואָס זאָל טוהן דער אָרימאַן וואָס ער איז שטענדיג פאַרוויטאָגט. ער הייבט אויף אייביג זיינע אויגן צום הימל. אַזוי וועט ער רחמנות האָבן אויף דעם אָרימאַן, עכ"ל.

דער לאָדזשער רב, הגאון רבי אליהו חיים מייזעל זצ"ל, וועלכער איז געווען באַרימט מיט זיינע וואוילטעטיגע מעשים, פאַר צדקה און חסד אין שטאָט, האָט אַמאָל ווינטער זיך געוואָנדן צו אַ נגיד אין שטאָט, ר' ישראל פאָזנאַנסקי ע"ה, פאַר אַ שיינעם סכום, צו קענען געבן האָלץ פאַר אָרימע אידן האָלץ צו הייצן זייערע פאַרפרוירענע היימען אין די גרויסע קעלטן און פרעסטן. ר' ישראל האָט איינגעלאַדנט דעם רב אַריינצוקומען אין זיין אָנגעהייצטן הויז, ווייל אינדרויסן איז דאָך געווען זייער קאַלט. רבי אליהו חיים איז אָבער געבליבן שטיין פאָרנט פון הויז, און אַזוי גערעדט מיט דעם עושר ר' ישראל אַ האַלבע שעה, וועגן דאָס און וועגן יענץ... אינמיטן רעדן, איז פאַר ר' ישראל געוואָרן זייער קאַלט, די קעלט האָט ממש אַריינגעדרינגען אין זיינע ביינער. האָט ער זיך אָנגערופן צום לאָדזשער רב: 'דער רבי זאָל רחמנות האָבן, און אַריינקומען צו מיר אין הויז, ווייל ס'איז מיר זייער קאַלט...'. האָט רבי אליהו חיים איהם גע־זאָגט: 'יעצט האָב איך דערגרייכט מיין ציל. איך בין דאָך געקומען צו אייך, בעטן געלט פאַר די אָרימעלייט, צו הייצן זייערע היימען. דו וועסט קיינמאָל נישט פאַרשטיין דעם פיין און צער פון די אָרימעלייט, ביז דו וועסט שפּירן אויפ'ן אייגענעם לייב, וואָס די אָרימעלייט שפּירן יעדן טאָג פונעם ווינטער...'.

יעקב איז יאָ אין גדר פון 'הניח בן כמותו', וואָס ממילא איז ער ווייטער לעבעדיג: 'כאילו לא מת'[טז].

**ויהי למס עובד - דורך קביעת עיתים לתורה קען מען לעבן אפילו אין מצרים**

**ויחי יעקב בארץ מצרים שבע עשרה שנה וגו'** (מז, כח).

**זאָגט** דער 'אור החיים' הקדוש, יעקב האָט אַלע יאָרן געליטן צרות און רדיפות, אנגעהויבן ווען עשו איז געבוירן געוואָרן צוזאַמען מיט איהם, און דערנאָך צרת לבן, צרת דינה, צרת יוסף, און נאָר די זיבעצן יאָר וואָס ער האָט צום סוף געלעבט אין מצרים, דאָס זענען געווען זיינע גוטע יאָרן, ווען ער האָט 'געלעבט'.

**האָט** הרה"ק בעל 'צמח צדק' זי"ע, געפרעגט זיין זיידן, דעם הייליגן בעל התניא זי"ע, ווי אַזוי קען מען זאָגן אַז דייקא די זיבעצן יאָר וואָס יעקב האָט געלעבט אין מצרים, דער מקור פון זוהמא און טומאה, זענען גאָר געווען יעקב'ס בעסטע יאָרן?

**האָט** דער בעל התניא איהם געענטפערט, חז"ל זאָגן (ב"ר פצ"ה, ג) אויפ'ן פסוק (בראשית מו, כח) 'ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף להורות לפניו גושנה', אַז יעקב האָט געשיקט יהודה'ן צוגעגרייט אין מצרים אַ 'בית תלמוד' אין מצרים, וואָס פון דאָרט זאָל אַרויסקומען הוראה. און אויב ס'איז דאָ תורה, קען מען שוין 'לעבן' אַפילו אין לאַנד מצרים'[יז]...

---

דאָס איז דער כלל, אַז נאָר דעמאָלס ווען מ'שפירט דעם צער פונעם חבר, קען מען מקיים זיין די מצוה פון גמילות חסדים ווי ס'דארף צו זיין. דאָס איז די פליכט פון אַ איד אויף דער וועלט, 'אַריינצוגיין אין יענעמ'ס שיך', פרובירן פאַרשטיין זיין געפיל. דאַן טוט מען איהם העלפן און אויסהאַלטן אין די שווערע צייטן...

**טז.** מורא'דיגע ווערטער געפונען מיר אין של"ה הקדוש אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער סדרה (מט, א) 'ויקרא יעקב אל בניו ויאמר האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים'. זאָגט דער של"ה הק', יעקב אבינו ע"ה האָט געוואָלט אויסזאָגן פאַר זיינע קינדער דעם זמן פונעם קץ הימין, וועגן דעם האָט ער זיי געזאָגט, 'האספו' - איר זאָלט לעבן באחדות און ליב האָבן איינער דעם אַנדערן. ווייל די גאולה קען נישט קומען ווען עס איז חלילה דאָ צווישן אידן שנאת חינם. איר דאַרפט נאָר איין זאך: זיך האלטן צוזאמען באגודה אחת.

אויף אַן אַנדער אופן, טייטשט הה"ק רבי אשר'ל ראָפּשיצער זי"ע (ספר 'אור ישע') דעם פסוק 'האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים'. 'קריאה' איז אַ 'לשון חיבה' (רש"י, ריש פ' ויקרא). האָט יעקב געזאָגט צו די שבטים: 'האספו' - אויב איר וועט זיך האַלטן צוזאַמען באחדות. וועט זיין 'את אשר יקרא אתכם באחרית הימים'. וועט דער אויבערשטער אַרויסווייזן אַ ליבשאַפט צו אייך אין אחרית הימים.

אויך טייטשט ער אויף אַן אַנדערן אופן, אחדות ברענגט אַ שפע פון פרנסה אויף אידישע קינדער. 'אגידה' איז פון לשון המשכה ('גוד אחית'). האָט יעקב אבינו ע"ה געזאָגט צו די שבטים: 'האספו' - אויב איר וועט זיך האַלטן באחדות. 'ואגידה לכם' - וועט איר ממשיך זיין גוטע השפעות פון עולם הזה ('לכם', דרש'ענען די חז"ל: 'לכל צרכיכם')...

**יז.** אַ איד אַ סוחר האָט זיך אויסגערעדט פאַר הרה"ק רבי משה'לע לעלוב'ער זי"ע (יומא דהילולא, י"ג טבת) אויף זיינע 'געשעפטן' וואָס האָבן אָנגעפאַנגען אַראָפּגיין מטה מטה רח"ל. האָט הרה"ק רבי משה'לע איהם געפרעגט אויב ער איז קובע עתים, צו האָבן שיעורים צום לערנען. האָט דער איד געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין 'קביעות' צו לערנען. האָט רבי משה'לע איהם געזאָגט, די גמרא דערציילט (תענית כה.) אַז די פרוי פון רבי חנינא בן דוסא האָט זיך באַקלאָגט פאַר איהם איבער זייער אָרימע לאַגע. האָט רבי חנינא בן דוסא מתפלל געווען צום באַשעפער, און עס איז אַרויסגעקומען אַ האַנט און איהם דערלאַנגט אַ פוס פון אַ גאָלדענעם טיש (וואָס פון דעם האָבן זיי געהאַט דערנאָך פרנסה בריווח). יענע נאַכט האָט זי געזעהן אין חלום אַז אַלע צדיקים עסן לעתיד לבוא פון אַ גאָלדענעם טיש מיט דריי פיס, אָבער זיי, רבי חנינא און זיין בני בית, עסן פון אַ טיש מיט צוויי פיס. האָט זי באַלד פאַרשטאַנען פון דעם אַז זי האָט שוין אָפּגענומען איר שכר פון יענע וועלט, און זי האָט חרטה געהאַט אויף די מתנה וואָס מ'האָט זיי געשיקט פון הימל. האָט רבי חנינא מתפלל געווען און מ'האָט צוריק אַרויפגענומען דעם גאָלדענעם פיס.

זאָגט די גמרא, אַז דער לעצטער נס איז גרעסער ווי דער ערשטער נס, ווייל מיר האָבן אַ קיימא לן אַז 'מיהב יהבי, מישקל לא שקלי'. בדרך כלל, גיט מען פון הימל השפעות טובות, און מ'נעמט עס נישט צוריק.

האָט רבי משה'לע לעלוב'ער געזאָגט, אַז דאָ אין די ווערטער פון חז"ל, איז מרומז, אַז ווען דער מענטש איז מקיים 'גמירי' - דאָס הייסט, ער לערנט אַ שיעור קבוע אין 'גמרא', איז ער זוכה - 'משמיא מיהב יהבי', אַז מ'גיט

**אויך** געפינען מיר אין דער היינטיגער סדרה (מט, יד-טו) 'יששכר חמור גרם וגו' ויהי למס עובד'[יח], זאָגן די ספרים, אַז דער פסוק וויל אונז לערנען, עס זענען דאָ מענטשן וואָס רעדן זיך אָפּ אַז זיי קענען נישט לערנען ווייל זיי דאַרפן דאָך זוכן פרנסה, און אויף דעם זאָגט דער פסוק 'ויהי למ"ס עובד', ווייל די גמרא זאָגט אז (מגילה ב:) 'מ"ם וסמ"ך שבלוחות בנס היו עומדין', ווייל די אותיות מ"ם און סמ"ך זענען געווען אויסגעקריצט פון איין זייט צו דער אנדערער זייט, ממילא האָבן די ם' און די ס' 'געהאנגען' אין דער לופט בדרך נס...

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק 'ויהי למס עובד', אַז ווען אַ איד לערנט תורה אַזוי ווי יששכר האָט געלערנט תורה, איז ער 'למס' - פונקט אַזוי ווי דער אות מ"ם און דער אות סמ"ך וואָס זענען געשטאַנען בדרך נס, אַזוי וועט דער אויבערשטער צושטעלן פאַר איהם אַלע זיינע באַדערפענישן בדרך נס.

**אַזוי** שרייבט דער רמב"ם ז"ל (סוף הלכות שמיטה ויובל), אז יעדער איינער וואָס ער פאַרשטייט זיך אָפּצושיידן פון עולם הזה'דיגע זאַכן, און שטיין גרייט צו דינען דעם אויבערשטען, ווערט דער אויבערשטער זיין חלק און זיין נחלה אויף אייביג, און ער איז איהם מזכה צו האָבן אויף דער וועלט אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן, אַזוי ווי ער האָט מזכה געווען די כהנים און די לויים.

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו גלייבן אין איהם, האָפן צו איהם און אַרויסקוקן אויף זיין ישועה צו יעדער צייט, לאורך ימים ושנות חיים[יט], און במהרה דידן זאָלן מיר זוכה זיין צו ביאת גואל צדק, אמן כן יהי רצון.

---

איהם פון הימל פרנסה בהרחבה, ומישקל לא שקלי - וואָס ער האָט שוין אין דער האַנט וועט ער נישט פאַרלירן.

דער איד האָט אַזוי געטוהן. ער האָט באַשטימט אַ צייט צו לערנען אין בית המדרש בקביעות, און פון דאַן און ווייטער, האָט דאָס מזל ווייטער אָנגעהויבן שיינען פאַר איהם, און ער האָט זייער מצליח געווען אין מסחר.

רעדנדיג וועגן דעם בעל ההילולא, הרה"ק רבי משה'לע לעלוב'ער זי"ע, איז כדאי צו דערמאנען צוויי זאַכן וואָס ער האָט אָנגעזאָגט פאַר זיין הסתלקות, א) אז מ'זאָל נישט גוזר תענית זיין אין ירושלים צוליב אַן 'עצירת גשמים', פאַר דעם טאָג פון זיין יאָרצייט, ווייל דער טאָג פון זיין יאָרצייט - י"ג טבת - איז מסוגל אויף רעגן. ב) יעדער וואס וועט טוהן עפעס לכבוד זיין יאָרצייט, וועט ער איהם מכיר-טובה זיין פון הימל.

ממילא, איז א געוואלדיגע עצה פאַר יעדן וואָס נויטיגט זיך אין אַ ישועה, ער זאָל עפעס טוהן פאַר די הילולא פונעם צדיק, געבן 'תיקון' פאַר 'לחיים', צינדן אַ לעכטל, א.ד.ג. זי"ע ועכ"י.

**יח.** ביי די ברכות פון יעקב אבינו ע"ה, אין דער היינטיגער סדרה, געפינען מיר אויך (מט, כ) 'מאשר שמנה לחמו' וגו'. ברענגט דער 'מדרש תלפיות', אַז אשר בן יעקב שטייט ביי דער טיר פון גיהנום, און יעדער איינער וואָס קען משניות, ראַטעוועט ער איהם אַרויס פון דאָרט. דאָס איז מרומז אין פסוק, 'מאשר שמנה לחמו'. שמנ"ה אותיות משנ"ה.

אויף דעם ברענגט דער 'שפתי צדיק', אין נאָמען פון זיין זיידן, הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אַז ער פלעגט אָנזאָגן אַז מ'זאָל לערנען משניות און עס קענען אויסנווייניג, ווייל מ'זעט דאָך פון די ווערטער פון מדרש אַז אין הימל פרעגט מען יעדן איינעם אויב ער איז בקי אין משניות. און נאָך אַ מעלה האָט דער מענטש וואָס קען משניות בעל פה, אַז ער קען איינשלאָפן מתוך דברי תורה, און אויך ווען ער גייט אויפ'ן וועג, איז פיל לייכטער פאַר איהם איבערצו'חזר'ן דאָס לערנען.

אגב, הגה"צ רבי אליהו ראטה זצ"ל האָט דערציילט, אַז זיין רבי, הרה"ק רבי שלמה'קע זוועהילער זי"ע האָט אַמאָל זיך אויסגעדריקט פאַר איהם, שלא כדרכו (ווייל ער האָט זיך דאָך אַכטונג געגעבן נישט צו זאָגן אַפילו דעם מינדעסטן וואָרט פון אַ גנאי אויף אַ איד): עס קומען צו מיר מענטשן וואָס זעהען אויס ווי בהמות, ווייל זיי האָבן יענעם טאָג נאָך נישט געלערנט אַ בלאַט גמרא...

קומט אויס, אַז דורכ'ן לערנען אַ בלאַט גמרא, ווערט דער מענטש ממש אַזוי ווי אַ נייע באַשעפעניש: 'פנים חדשות באו לכאן'.

**יט.** צדיקים האָבן געזאָגט אַ רמז אויפ'ן פסוק 'ויחי יעקב', די אידן - קינדער פון יעקב אבינו ע"ה, זאָלן לעבן לאַנגע יאָרן. 'בארץ' - ווער זאָל וואוינען אין דער ערד (אונטער אַ מציבה)? 'מצרים' - די מצריים...

דער הוסיאַטינער רבי, הרה"ק רבי ישראל זי"ע, האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ איד וואָס האָט זיך אָפּגערעדט אַז ער ליידט צרות פון אַ גוי, וועלכער איז איהם משיג-גבול און איז איהם גורם אַסאַך צער און עגמת נפש, האָט דער הוסיאַטינער רבי געזאָגט: 'נו, דער אויבערשטער זאָל העלפן אַז דער גוי זאָל תשובה טוהן'... האָט דער איד געזאָגט: 'רבי, אָבער ער איז דאָך אַ גוי'... האָט דער הוסיאַטינער רבי געענטפערט:

- אַזאַ 'תשובה' מיין איך טאַקע... 'תצא רוחו ישוב לאדמתו'...

כך הוה, ווען דער איד איז צוריקגעקומען צו זיך אַהיים, האָט ער געהערט אַז דער גוי האָט גע'פּגר'ט, און איז צוריקגעגאַנגען אין דער ערד אַריין...